STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07157

ALTE VEGN

Selig Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלטע וועגען

COPYRIGHT, 1926, BY SELIG HELLER.
CHICAGO, ILL.

אַלטע װעגען

לידער

פון זעליג העלער

אילוסטרירט פון טאָדראָס געלער

הקדמה פון קלמן מרמר

פאַרלאַג
ל. מ. שטיין
שיקאַגאָ

דיר, טייערע מאמע מיינע
ש י י נ ע
און דיר, הארציגע
ל א ה ' ל ע
מיין בוך ליעדער
א מתנה

אלטע ווענטן לידער
פון זעליג העלער
TODROS GELLER

הקדמה

זעליג העללער רופט זיין יוגענט-ווערק „אלטע ווענגען". דאס איז גאנץ פארשטענדליך פאר די וואס קאנען איהם נאהנט. ער איז איינער, אויב ניט דער איינציגער, פון די יונגע אידישע דיכטער וואס האט זיין ליעד ניט „זוכה געווען פון הפקר", נאר עס געלערענט ביי די מייסטער פון אלע דורות.

זיין אינטימקייט מיט די קלאסיקער פון דער וועלט-ליטעראטור, און זיין בקיאות אין זייערע ווערק, שטערט ניט זעליג העללער'ן צו זיין גלייכצייטיק באהאוועגט אין דער מאדערנער ענגלישער פאעזיע ביז אויף היינטיגען טאג.

אלס פלייסיגער לעזער פון אלטע און נייע פאעטישע שאפונגען, איז זעליג העללער גענוי באקאנט מיט די פאר-שידענארטיגסטע פאעטישע פארמען, וועלכע ער קאן לייכט באמייסטערען. נאר ער ווייס, אז די נייע טעכניק אין פאעזיע, אזוי ווי די אבזיכטליכע אומקלארקייט און ווערטער-גימנאסטיק, איז אפט בלויז א מיטעל אפצוציהען די אויפמערקזאמקייט פון פוסטען אינהאלט.

דאס געהן אויף „אלטע ווענגען" איז דערום ביי זעליג העללער ניט קיין דיכטערישער קאפריז, נאר דער רעזול-טאט פון זיין אינטימער באציאונג צו די דיכטער און דענקער פון אלע צייטען.

אין זיינע בריף צו מיר, וואָס זיינען כמעט אלע פון אַ ליטעראַרישען אינהאַלט, פאַרנעמען דעם גרעסטען פּלאַץ זיינע איינדרוקען פון די אַלטע מייסטער.

נאָך מיט אַ קנאַפּען האַלב יאָהר צוריק האָט ער גע־שילדערט פאַר מיר וואָס ער, דער פליסיגער לעזער, פיהלט צווישען זיינע טויזענטער קאָסטבאַרע ביכער. ער שרייבט מיר דאָרט אַזוי:

„איך לאָך מיט היינע'ן צוזאַמען פון דער וועלט מיט איהרע נאַרישע מעשים. מיט שאָפּענהויער'ן געה איך אַראָפּ אין טיעפען תהום פון דענקען און זעה די נישטיגקייט פון לעבען... דאָרט הער איך דעם וועה־געשריי פון דעם אומגליקליכען לעאָפּאַרדי און דעם וועלט־שמערץ פון בייראָן. באַלד דערהער איך אַ צאַר־טען און זיסען שפּילען פון אַ פליוט, דאָס זיינען די געזאַנגען פון דזשאָן קיעטס. באַלד דערזעה איך אַ מעטעאָר רייסט דורך די לופט: שעללי'ס קול רופט און שאַלט — אַ ליעד פון באַפרייאונג. אָט איז לודאָוויקאָ אַריאַסטאָ, דער אומגליקליכער טאַסאָ און מיין ליעבלינג לואיס דע קאַמאָנש... אָ, איך לעב מיט זיי... זיי גיבען די קראַפט צו לעבען"...

אָן אַנדערש מאָל שרייבט ער מיר מיט גרוים באַגייס־טערונג וועגען האַפיז, דעם „קעניג פון די ליריקער"; פראַנסו ווילאָן, דעם „דיכטער־גנב פון מיטעל־אַלטער"; באָקאַטשיאָ א. א. וו. ביז צו לאַפקאַדיאָ הוירן און ריטשאַרד בוירטאָן דעם באַריהמטען איבערזעצער פון די „אַראַבישע־נעכט" און קאַמאָנש'ס די „לוסיאַדען". אָפט שיקט ער מיר דערביי אויך ציטאַטען פון די ביכער וואָס ער לייענט מיט אויסערגעוועהנליכער אויפמערקזאַמקייט. נאָך אָפטער

אגיטירט ער מיט מיר, כ׳זאל לייענען דעם אדער יענעם בוך פון וועלכען ער איז באזונדערס באגייסטערט. „לייענט עס“, בעט ער זיך ביי מיר, „און איך פארזיכער אייך: הנאה, תענוג און נשמה דערהייבונג“...

אָט אזוי שפּאצירט ארום כסדר אויף אלטע וועגען דער יונגער דיכטער זעליג העללער, וועלכער זוכט זיין באגייס־טערונג ביי „די געטער דארט אויף די פּאַליצעס“, אין וועלכע עס „ליגט די קראַפט צו געבען לעבען“. דערום איז פארשטענדליך פאר וואָס זיינע צוויי גרויסע פּאָעמען „שבת“ און „עס וועבט זיך אַ חלום“ זיינען אינספּירירט פון היינריך היינע און געטהע; פאר וואָס ער זינגט סאָנע־טען צו עהרע פון די צוויי עלטערע אמעריקאנער אידישע דיכטער: יהואש און ליעסין.

זעליג העללער׳ס „שבת“ איז געווען געדרוקט אין דער שיקאַגער צייטונג די טעגליכע „וועלט“ פון 1918. אין דער איצטיגער פאָרם איז די פּאָעמע אַ סך איבערגעארבעט און פארגרעסערט, נאָר דער אינהאַלט איז דערזעלבער. ס׳איז די פּאָעטעזירונג פון קינדערשע זכרונות, פון אַ לעבענס־שטייגער וואָס וועט קיינמאָל מעהר ניט צוריק־קערען:

„קינדער יאָהרען, שעהנע יאָהרען,
קעהרען זיך ניט אום צוריק;
לאָמיר כאָטש פון וויטען וואַרפען
אייך אַ בענקענדיגען בליק.“

מיט אַן עפּישער רוהיגקייט שילדערט זעליג העללער דעם שבת אין שטעדטעל. ס׳איז אַן עכטע אידיליע, וואָס פּליסט אזוי רוהיג און גלאַטען ווי די ביבלישע אידיליע „רות“. און אזוי ווי דאָרטען שוועבט אויך דאָ דורך אַ ווייל

א דערשיינונג וואָס דערמאָנט אונז, אַז אויך דער גן־עדן האָט זיין שלאַנג . . . אין מיטען פון אלע הערליכקייטען פון דער מלכה שבת באַגעגענען מיר די סאָציאַלע נויט:

„אַט געהט יאַשע בעל־עגלה
און זיין פערדעל געהט איהם נאָך.
ביידע מיעדע און פאַרשלעפּערט
פון דעם שווערען אַרבייטס־יאָך.

פירט זיין פערדעל צו דער פּאַשע,
אַלט איז יאַשע, שוואַך דער גאַנג;
שווער געאַרבעט — דאָך אין דחקות
אָפּגעלעבט א לעבען לאַנג. . .“

זעליג העללער געהט אויף אַלטע וועגען, דאָך שטעהט ער נעענטער צום נייעם לעבען ווי די מעהרסטע יונגע אידישע דיכטער אין אַמעריקאַ. ער איז דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דער צייט און שעמט זיך ניט צו שטעלען זיין לירע אין דינסט פון דער ליידענדער מענטשהייט.

די וועלט־מלחמה האָט געשאַפען א שרעקענס־בילד, וואָס האָט פאַרבלאַסט אַלע שוידערהאַפטע גיהנום־שילדערונגען פון אַלטען דאַנטע. א ווייל איז דער יונגער דיכטער געוואָרען דורכגעדרונגען מיט טיעפען יאוש, און אויסגערופען אין פאַרצווייפלונג:

„דער מענטש איז פיעל ערגער ווי חיות אין וואַלד,
ביסלעכווייז נעמט ער דאָס לעבען אוועק. . .
דער פּנים נאָר שמייכעלט . . . דאָס הארץ איז אייז־קאַלט“.

נאָר ווען אַלע פינסטערע כחות האָבען זיך פאַראייניגט צו דערשטיקען יעדער פאָדערונג פון מענטשען־רעכט, און דער דיכטער האָט דערזעהן:

„די קעמפפער פאר פרייהייט זיי בינדט מען אין קייטען,
מיט גוואלט ווערט פארשטיקט די עהרליכע שטים...
און קין, ווי תמיד, שארפט צייהן אויף זיין ברודער—
און חבל איז אויך היינט ניט בעסער פון איהם...“

האָט ער זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די וואָס קעמ־פען און פאלען און זיי דערמוטיגט אין קאמפף:

„דאָס מענטשליכע בלוט ווערט אומזיסט ניט פארגאָסען,
עס לאזט שטענדיג איבער א זכר... א פלעק...
עס בויט אויס א דענקמאָל אויך אייביגע יאָהרען —
און ווייזט אָן די מענטשען א בעסערען וועג...“

זעליג העללער האָט אויך פרובירט שילדערען אָט דעם „בעסערען־וועג“. אלס וועג־ווייזער אין „לאַנד פון חלומות“ פון וועמעס בערג מ'קאָן ארונטערקוקען צו דער זייט טויזענטער יאָהרען געזוכטער „הימלישער מלוכה אויף דער ערד“, האָט ער גענומען זיין מייסטער היינריך היינע, פון וועלכען, ער, זעליג העללער, זינגט:

„די ווערק פון דיין לעבען זיי זיינען מיר הייליג,
זיי זיינען פאר מיר פון באגייסט'רונג א קוואל,
זיי זיינען פאר מיר אין שעה'ן אין טריעבע,
אין יאוש מינוטען — א האָפנונגס־שטראַהל!...

א באזונדער חן האָבען זעליג העללער'ס סאָנעטען, וועלכע ער האָט געשאפען אין א גרויס צאָהל. איבער זיינע צארטע שטימונגען און טיעפער בענקשאפט שוועבט די קלוג־שאפט פון דורות. למשל, ביים אָנבליק פון „זון־אונטער־גאַנג“ זינגט זעליג העללער:

„ווערט אויפ'ן הארצען אומעטיג, און איך טראכט און קלער:
אט ווי דער טאָג פארגאנגען — מיין לעבען אויך פארגעהט...
דאָך קומט דער מאָרגען ווידער און איך — קיינמאָל מעהר...

נאָכמעהר פיהלט זיך אָט די דורות־קלוגשאַפט ווען דער יונגער דיכטער פאַרטראַכט זיך וועגען דער „סיק־טראַנ־סיט“ (אזוי פאַרגעהט די הערליכקייט פון דער וועלט):

„דאַן טראַכט איך, וואָס איז לעבען דאָך; אַ, עס ווילט זיך וויסען
אָט דעם זין פון „זיין“, פון קומען און פאַרגעהן...
ווי א בלעטעל פונ׳ם ווינט פריהצייטיג אָפּגעריסען...
אָט ערשט יונג און פול מיט לעבען און באלד ניטאָ מעהר, שוין..
געבליבען נאָר אביסעל ערד...אַ קבר׳ל אַ פרישען —
און צוקאָפּענס פאר א צייכען, אותיות אויף א שטיין...

זעליג העללער האָט דורגעמאכט דאָס סאָלדאַטען־לעבען אויף דער זייט ים. פון אָט דעם לעבען האָט ער געשאַפען זיין „רעטריט“, איינס פון די שעהנסטע סאָלדאַטען־ליעדער און דער נייער אידישער ליטעראַטור. נאר זיין אָפּטהיילונג „פאַרשיעדענע ליעדער“ באַווייזט, אז מ׳קאָן פון איהם דערוואַרטען גאָר אַ סך.

אין זעליג העללער׳ס „אַלטע־וועגען“, געפינען זיך איבערזעצונגען פון אַלטע און נייע דיכטער. אָט די עטליכע מייסטערהאַפטע איבערזעצונגען באַווייזען, אז די נייע אידישע ליטעראַטור קאָן אויך אויף דעם געביט אַ סך דערוואַרטען פון דעם פיעל באַלעזענעם דיכטער.

דאָס לעבען ווייט פון דעם אידישען ניו יאָרקער צענטער האָט זיינע מעלות און זיינע חסרונות. די מעלה איז וואָס אין יענע געגענטען קאָן א דיכטער זיצען און לערנען, און זיך ניט באַנוגענען מיט ברעקלאַך פון סאָבוויי־לעזע־שטאָף און רעסטוראַן־געשפּרעכען.

דער חסרון איז וואָס דער אידישער לעזער־עולם האָרכט זיך איין בלויז צו דער קריטיק וואָס קומט פון ניו יאָרקער

צענטער, און די קריטיקער פאַרהאַלטען זיך דאָס רוב צו שטרענג צו די וועלכע זיינען פון זיי ווייט.

ס'ווילט זיך האָפען, אַז זעליג העללער'ס מעלות וועלען ניט ווערען אומבאַמערקט צוליעב זיין לעבען אין דער „וועסט", און אַז די אידישע לעזער וועלען איהם געבען זיין פאַרדינטע אַנערקענונג.

קלמן מרמר

נויאָרק, פריהלינג, 1925.

אַבער יעדען פרייטאג אבענד,
בין־השמשות, אזוי פלוצלינג
קעהרט זיך אָפּ פון איהם דער כשוף,
ווערט אוים הונט, אַ מענטש געוואָרען.
— היינריך היינע.

מזמור שיר ליום השבת,
ווי עס גיסט זיך דורכ'ן האַרצען
אזוי יום־טוב'דיג און פרעהלאך,
אין אַ כאָהר פון זיסע קלאַנגען:
מזמור שיר ליום השבת.
— יהואש.



שבת

מיין זיידען — יעקב־ליב
צום אנדענק.

שעהנער חלום פון מיין יוגענט,
גאָטס געשאַנק פון פרייד און גליק!
ווען איך טראַכט פון דיר, אָ, שבת,
אין זכרון קומט צוריק:

צייטען אַלטע, לאַנג פאַרגאַנגען,
קינדער יאָהרען — פול מיט פרייד;
אלע וואָך באַשענקט מיט שבת,
צו באַשיינען לעבען'ס נויט...

איך דערמאָן זיך אָן מיין שטעדטעל:
קליינע הייזער אומעטום,
איך נאָך גאָר אַ קליינער אינגעל —
כ'געה אין חדר, איך בין פרום.

כ'ווארט א גאנצע וואך אויף פרייטאג:
האלבען טאג — פון חדר פריי!
און אין שטוב מען ראמט, מען שייערט,
אלעם בלאנקט אזוי ווי ניי.

יא, איך טרוים פון יענע יאהרען,
און איך זעה זיך אינ'ם היינט:
ווייט פארוואָרפען, אזוי איינזאם,
אָהן א שבת, אָהן א פריינט...

און איך זעה מיין עלטער קומען,
אויפ'ן הארצען ווערט מיר שווער:
יא, איך ווייס, אז יענע צייטען
קעהרען זיך ניט אום שוין מעהר, —

יענע פרייד פון שבת-קודש,
יענע שעהנע קינדער-טעג
זיינען מיט'ן ווינט פארגאנגען,
ווי דאָס לעבען געהט אוועק...

קינדער-יאָהרען, שעהנע יאָהרען,
קעהרען זיך ניט אום צוריק;
לאָמיר כאָטש פון ווייטען ווארפען
אייך א בענקענדיגען בליק...

שעהנער חלום פון מיין יוגענט,
גאָטס געשאָנק פון פרייד און גליק!
ווען איך טראַכט פון דיר, אָ, שבת,
ווער איך ווי א קינד צוריק!...

פרייטאָג־צו־נאַכט׳ס

נעמט די זון פאַרגעהן אין מערב,
מאַכען אידען קראָמען צו:
שבת־קודש קומט אין שטעדטעל;
שבת האָט דער איד זיין רוה.

בין־השמשות. ס׳ווערט שוין שטילער...
איינער טראָגט אַ פלעשעל וויין;
איילט זיך, ווייל עס איז שוין שפעטלאך —
צייט צו געהן אין שוהל אריין.

און אַ צווייטער לויפט פון מרחץ,
ווערה, אַ שאַנדע, אזוי שפעט.
על פי טעות — זיך פאַרגעסען,
מיט דעם בעדער זיך פאַרעדט.

און אין שטוב, דאָרט הערשט שוין שבת,
פון דער וואָך קיין סימן מעהר.
ליכטיג, פרעהלאך, שעהן און ציכטיג
וואו מען גיט זיך נאָר אַ קעהר.

אויפגעראָמט ארום דעם אויווען,
„טשאָלענט״ האָט מען דאָרט געשטעלט,
און פאַרשמירט מיט ליים דאָס ברעטעל,
קיין שפּאַרונעלע פאַרפעלט.

שטעהען בעטען — וויים באַצויגען,
און דער דיל מיט זאַמד געשפּרייט.
און דער טיש — לכבוד שבת,
שטעהט מיט כל־טוב אָנגעגרייט.

חלות צוויי — שעהן אויסגעבאַקען,
מיט אַ טישטוכעל פאַרדעקט.
זילבער לייכטער — אויסגעפּוצטע,
ליכט אין זיי אריינגעשטעקט.

ביי די לייכטער שטעהט די מאַמע,
איהר געזיכט איז צאַרט און בלייך...
צינדט די ליכט און מורמעלט עפּעס
אין דער שטיל אזוי און ווייך.

מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים,
אָנגעבויגען שטעהט זי פרום;
זאָגט פון ליכט־בענטשען די ברכה
ווען זי נעמט די ליכט ארום.

* * *

אין די נייע גארניטורלאַך,
פאַר דער מאַמען אויסגעשטעלט
שטעהען קינדער, ווי בריליאַנטען,
און דער מאַמעס הארץ עס קוועלט!

אַ פאַרפּוצטער, ביי דעם שפּיגעל,
שטעהט דער טאַטע, קאַקעטירט...
וויל געפעלען זיין דער „כלה“ —
גלייך אַ ליבע מיט איהר פיהרט.

שבת
TODROS GELLER
שבת

אבער בייז איז ניט די מאמע,
זי פארגינט איהם נחת-שעה...
א, זי קען זי גוט, די „כלה“,
אלע פרייטאג קומט זי דא!

איהר מען געהט ארויס אנטקעגען,
מען באגעגענט זי מיט פרייד!
איהר עס ליבען אלע אידען, —
בלייבען טריי איהר ביז׳ן טויט...

צוליב איהר קעהרט מען די גאסען,
און מען מאכט געשעפטען צו:
„פירשטין-שבת“ איז איהר נאמען —
זי ברענגט אידען פרייד און רוה!...

* * *

און דער טאטע מיט די קינדער,
— הערצער מיט בטחון פול —
געהען צו קבלת-שבת
אין דער אלטער, גרויסער שוהל.

ליכטיג איז אין שוהל און פרעהלאך,
אין די ווינקלען — שכינה-שיין!
שבת ברענען אלע לאמפען,
שבת מוז דאך ליכטיג זיין!

פול איז שוין די שוהל מיט אידען,
און עס קומען נ א ך אריין.
אלע קומען שבת דאווענען,
ווער וועט היינט אין שוהל ניט זיין?!

אויף דער בימה ווי אַ מלכות,
אין זיין טלית אָנגעטאָן,
גערט ארויף — „שליח צבור“
און פאַרנעמט דעם אויבען אָן.

ווערט דעם אידען׳ס „שטעל-פאַרטרעטער“,
קלינגט מיט שטאָלץ דערפאַר זיין קול !
שטאָלצער ווערט דער גאַנצער עולם —
אלע דאווענען מיט אַ מאָהל.

אַ, ווער שטעהט עס אויף דער בימה,
און ווער זינגט עס אזוי שעהן ?
„לכה דודי לקראת כלה“,
ס׳האָט אַ צויבערליכען חן !

„לכה דודי לקראת כלה“
זינגט דער גאַנצער עולם מיט !
דרינגט אַ וואַרעמקייט אין הארצען —
ס׳איז דאָך גוט צו זיין אַ איד !

נאָכ׳ן דאווענען, מאַכט דער שמש
קידוש פאַר דער גאַנצער שוהל ;
מאַכט די ברכה „פרי הגפן“—
ווערט די לופט מיט „אמן“ פול.

נאָכ׳ן קידוש — גריסט זיך יעדער :
„אַ גוט-שבת“ — „אַ גוט יאָהר“;
און עס גערט אהיים דער עולם —
ס׳בלייבט צום לעצט דער שמש נאָר.

ער בלייבט שטענדיג פון די לעצטע,
קומט דער ערשטער — אין דער פריה.
וועט דערפאר ער טאקע האבען
עולם-הבא פאר זיין מיה...

ס'קומט אריין דער אלטער יאנעק,
זיינע האר איינגאנצען גרוי;
דיענט ביי אידען שוין פון יאהרען,
איז ביי זיי דער „שבת-גוי".

לעשט ער אוים אין שוהל די לאמפען
באלד נאר ווי מען דאווענט אפ.
שבת-פריה נעמט ער די לייכטער
פון דעם אידענ'ס-טיש אראפ.

העלפט דעם שמש אין זיין ארבייט,
קעהרט די שוהל אוים און דעם הויף.
פרייטאג העלפט ער צו אין מרחץ,
גיט א בעזעמיל און זייף.

שבת, קריגט ער פיש און חלה,
און א „קעלישאק" דערצו.
אט אזוי לעבט ער מיט אידען —
גאנץ צופרידען און אין רוה...

* * *

א, ווי שעהן עס איז אין דרויסען!
בלוי דער הימעל אויסגעשפרייט.
שטערען פינקלען פון דער ווייטען,
און א מילדעס ווינטעל וועהט.

געהט א איד, די הענט אויף הינטער,
אויף דער גאס, מיט שטאלץ אזוי —
געהט פארביי איהם סטאש, זיין שכן,
איהם מקנא איז דער גוי — —

וואס ער האט א גוטען בורא.
זוכה זיין דארף מען דערצו...
עונג-שבת — גאט'ס מתנה...
ס'קומט א דאנק דיר, גאטעניו!

ער דערזעהט זיין הויז פון ווייטען,
דורך די פענסטער גלאנצט א שיין.
שמייכעל שפיגעלט זיך אויף ליפען,
און ער געהט אין שטוב אריין.

מיט א בּרייטען „א גוט-שבת"
טרעט אריבער ער די שוועל,
קריגט צוריק א ליעבען ענטפער —
ווערט מיט פריידען פול זיין זעל!

איצט איז דאך זיין שטוב א פאלאץ,
— קעניג פון א קעניגרייך!
און זיין חיל — די מלאכים...
א, ווער קען צו איהם זיין גלייך?!

ער באטראכט זיין „אשת-חיל",
היינט איז ער פארליבט אין איהר...
היינט פיהלט ער, אז אט די ליעבע
האט קיין גרעניץ, האט קיין שיעור.

זי איז שעהנער היינט ווי שטענדיג,
זיינען שעהנערע פאראן ?
פאלען איהרע צניעות-בליקען
אויף איהר ליעבען, פרומען מאן.

„שלום-עליכם“ זינגט דער טאטע,
צארטע פריידען אין זיין קול :
„ליעבע געסט, — עליכם שלום“,
און ער בענטשט זיי אהן א צאהל !

„שלום-עליכם, געסט איהר ליעבע,
תענוג, רוה, פארשפרייט איהר דא“.
יעדער ווינקעל זינגט א ניגון —
אין דער שבת-קודש שעה !...

און די קינדער — גאנצע פרינצען,
ארום טיש זיי שטעהען שטיל ;
הערען איין זיך צו דעם זינגען,
אזוי הארציג, מיט געפיהל.

א געזאנג פון „אשת-חיל“
זינגט ארוים זיך מיט אמאל ;
אט דעם ניגון זינגט דער טאטע
אוים מיט זיסקייט, מיט א קול.

טענער זיסע — און דער טאטע
שפרייזט ארום זיך הין און הער.
פון דער מאמעס צנועה-אויגען
טריפט פון פרייד ארוים א טרער...

לייכטען העל די שבת-ליכטער
אין דעם פרייטאג אויף דער נאכט.
זילבער-לייכטער — אויסגעפוצטע
טונקען זיך אין קדושה-פראכט.

און צום טיש קומט צו דער טאטע,
קידוש נעמט ער מאכען איצט.
ער באטראכט דעם וויין אין פלעשעל,
ווי עס פינקעלט, ווי עס בליצט,

פון דעם גלאנץ פון שבת-פלעמלאך
שפיגעלט זיך דער וויין און בליצט.
און דער טאטע ווארפט די בליקען
דארטען וואו די מאמע זיצט.

רויטעלט זיך דער מאמעס פנים,
צנועה'דיג אזוי און ריין...
איהרע אויגען — פרומע, גוטע,
איהרע בליקען — פול מיט חן!

ער באטראכט דעם טיש פון שבת:
אלעס, אלעס שעהן און פיין.
נעמט אין האנט דעם קידוש-בעכער
און ער פילט איהם אן מיט וויין.

הויבט אויף דאן דעם קידוש-בעכער
ווארפט אויף איהם א פרומען בליק;
און באגריסט די „כלה" שבת —
וועלכע ברענגט אין הויז איהם גליק...

"יום-הששי" — אויג צום הימעל —
הערט זיך צו זיין שטימע צו:
הארציג קלינגט דער קידוש-ניגון
דאָ, אין ווינקעלע פון רוה...

און עס דאכט זיך, אז מלאכים
שוועבען ליכטיג דאָרט און דאָ...
פילען אָן דאס הויז מיט שירה
אין דער שבת-קודש שעה.

אין די ווערטער פון דעם קידוש —
מעשי-בראשית ווערט דערצעהלט,
גאָט האָט אונז פון אַלע פעלקער,
פאַר זיין איינציג פאָלק דערוועהלט...

דאָס געבאָט פון שבת האָלטען
אויף די לוחות אויסגעקריצט.
און מיר היטען אָפּ דעם אוצר
פון באַרג סיני אָן ביז איצט.

לויבען מיר דערפאַר זיין נאָמען
און דער קידוש ווערט געמאַכט.
שבת פיהלען מיר זיין גרויסקייט,
שבת זעהען מיר זיין פראַכט.

„ששת-ימים" — זעקס טעג גאַנצע,
איז אין יאָך געשפאַנט דער איד;
„יום-השביעי — שבת-קודש",
איז אַ טאָג פון רוה און פריעד!...

שבת רוהען ערד און הימעל,
חיות, פויגעל, פיש אין ים.
אויך אין גיהנום ווערט פארלאָשען
דאָרט דער פייערדיגער פלאַם

וועלכער פלאַקערט, ברענט רשעים,
אָהן אן אויפהער, נעכט און טעג.
און סמבטיון הערט אויף שטורמען,
רוהיג ווערט פון ברעג צו ברעג.

„ברוך אתה — פרי הגפן“,
און ער ציקעלט זיך דערביי,
ווי באַקאַנט די ווערטער זיינען,
קלינגען זיי דאָך פאַר איהם ניי!

אָפגעמאַכט האָט ער שוין קידוש,
לאַנגזאַם זופּט ער פון דעם וויין.
גיט צוביסעלאַך די קינדער —
זאָלען זיי אויך אידען זיין!

געהט מען זיך צום עסען וואַשען,
מאַכען קינדער טומעל דאָרט:
דער וואָס וואַשט די הענט זיך פריהער
כאַפּט ביים טיש דעם בעסטען אָרט.

בייזערט זיך אויף זיי דער טאַטע:
„שבת טאָר ניט זיין קיין קריג“!
אַלע האָבען הענט געוואַשען —
און מען געהט צום טיש צוריק.

אויבען אָן דער טאַטע זעצט זיך,
און די מאַמע ביי זיין זייט.
קינדער זיצען לויט די יאָהרען,
נאָכדעם קומען אורחים-לייט.

אַ משפחה — קיין עין-הרע,
טראַכט דער טאַטע, רעדט קיין וואָרט.
נאָר אין הארצען קוועלט פון נחת,
גלעט מיט גדלות זיך זיין באָרד.

לאנגזאם דעקט ער אָפּ די חלה,
ס'איז „איהר ארבייט" — ער דערקענט:
„קיטקעס" — קונציג אויסגעפלאָכטען,
בענטשט ער שווייגענד „איהרע הענט".

פיהרט דאָס מעסער, מאַכט אַ ברכה,
גיט „המוציא" יעדען קינד.
און צום טיש דערלאנגט די מאַמע
די מאכלים פריש אַצינד...

טויזענט טעמים — יעדעם מאכל,
יעדער טעם פאַרשיידען איז:
פיש געפילטע — גוט געפעפערט,
און די יויך איז צוקער-זיס.

עס צוגעהט אין מויל פון חיות,
אַזאַ טעם דער צימעס האָט.
פיהלט דער איד, אַז פאַר דעם אַלעם
קומט אַ דאַנק דעם ליעבען גאָט.

גיט דער טאַטע גלייך אַ צייכען,
ווערט „קאַפּעליע־מייסטער“ גאָר:
און מען נעמט זיך צו די זמירות —
אַלע זינגען מיט אין כאָהר:

„אַך, ווי ליעב די רוה איז דיינע
פירשטין־שבת, שטיל אַרום...
לויפען מיר דערפאַר דיך בעטען:
קום געקרוינטע כלה, קום!“...

אַז דער טאַטע ווערט באַגייסטערט,
הערט זיך דעמאָלט ערשט אַ קול!
לעבעדיגער ווערט די חברה,
העכער, שטאַרקער וואָס אַמאָל!

און דאָס זינגען וויט צוטראָגט זיך,
קול'כלאַך קלינגען אַלערליי...
שטעהען מענטשען הינטער פענסטער,
פון דעם זינגען קוועלען זיי.

פייכטען זיך דער מאַמעס אויגען,
קייקלען טרעהרען זיך אַרוים.
פריידענס־טרעהרען, פּערעל־טרעהרען,
פינקלען אין אַ אידיש הויז...

יעדעס הויז האָט זיינע מענטשען,
יעדער מענטש זיין גלויבען האָט;
ווער קען אָבער זיך פאַרגלייכען,
ווי עס דיענט דער איד זיין גאָט?!...

ער באַהעפט זיך מיט דעם בורא,
מיט'ן האַרצען, מיט'ן קאָפּ...
סיי ביים עסען, סיי ביים טרינקען
גיט ער איהם זיין חלק אָפּ...

אין דער פריה און פאַר'ן שלאָפען,
שפעט אפילו אין דער נאַכט.
אין דער וואָכען, אין יום-טובים —
שטענדיג נאָר פון גאָט ער טראַכט.

קומט נאָר אָן דער שבת-קודש
ווערט זיין לעבען אַנדערש דאָך.
דער געשאַנק פון גאָט געגעבען,
איז דער שעהנסטער טאג פון וואך!

אלע טעג איז מען פארנומען:
מסחר, אַרבייט, ווערט מען מיעד...
אָט דערפאר איז ליעב דער שבת,
אזוי גוט — צו זיין אַ איד!

פרייטאג געהט מען זיך אין מרחץ,
וואשט מען אָפּ פון זיך דעם עול...
היינט די שוהל און די מאכלים —
אך, ווי גוט איז איהם און וואויל!...

אָבער אין זיין העכסטען וואוילטאג
פיהלט ער דאָך פון גאָט דעם בליק...
יאָ, ער וויים, אז עולם-הבא
בעסער איז פון גרעסטען גליק...

אַט אַזוי, מיט די מחשבות,
ענדיגט ער דאס שבת־ליעד...
....

אָפּגעגעסען, אָפּגעזונגען,
הויבט ער אָן זיך פיהלען מיעד...

נאָכ'ן בענטשען ליי'נט מען קריאת־שמע,
ליכט אין לייכטער געהען אוים...
פינסטער ווערט אין שטוב און שטילער,
ס'הערט זיך וואו אַ כראָפּען בלויז.

* * *

דאָך, אין דרויסען, כאָטש שוין שפּעטלאך,
געהט זיך יונגוואַרג אויף שפּאַציר.
דאָ און דאָרט פאַרמאַכט מען לאָדען,
ערגעץ שליסט זיך צו אַ טיהר.

ערגעץ איז אַ פענסטער אָפען,
קוקט פון דאָרט אַ קאָפּ ארוים.
אין דער שטילקייט הערט מען קלאַנגען,
טראָגענדיג זיך פון אַ הויז.

ס'זינגט אַ איד זיך „שיר־השירים"
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט;
אַט דעם ניגון — אזוי האַרציג,
גאָט אליין האָט אויסגעטראַכט...

— לעצטע „שיר־השירים" קלאַנגען...
ס'איז דער הערליכסטער געזאַנג...
און דער ניגון איז ביים אידען
אין זכרון — דורות לאַנג!...

עס פאַרוויגען איהם די קלאַנגען
אין אַ זיסען שלאָף אריין...
און ער שמייכעלט אין אַ חלום:
גוט איז דאָך אַ פּרינץ צו זיין!...

* * *

פול מיט שטערען איז דער הימעל,
דאַ און דאָרט אַ וואָלקען קריכט;
און צווישען — די לבנה
שווימט און גיסט מיט בלאַסען ליכט

אויף די בוימער, אויף די גראָזען,
אויף די בלימעלאך אין פעלד,
ביז דער וואָלקען קומט צוקריכען,
און לבנה ווערט פאַרשטעלט.

שטיל אין דרויסען, אַלע שלאָפען,
קיינער וואַכט ניט אזוי שפּעט.
בלויז אַ ווינטעל קומט פון ערגעץ
גיט אַ בלעטעלע אַ גלעט.

ערגעץ קעץ, ווי קליינע קינדער,
וויינען אין דער נאַכט אריין...
דוכט זיך אויס, אַז דער „נישט-גוטער"
מוז איצט דאָרטען מיט זיי זיין...

נאָר דער איד שלאָפט רוהיג, זיכער:
ווייסט — ער ווערט פון בייז באַוואַכט...
„כביכול" — איז זיין שומר,
היט פון שלעכטס איהם טאָג און נאַכט.

גאָט דער גוטער איז זיין היטער,
און ער היט די „קרוין“ פון קאָפּ...
האַלט אַן אויג אויף זיין „בן־יחיד“
פון דער הויך צו איהם אראָפּ...

שבת אין דער פריה

לעשען שטערען זיך אין הימעל,
און די נאַכט געהט שטיל אַוועק.
שטאַלץ קומט אָן דער מאָרגען־שטערען,
העלער ווערט דער מזרח־ברעג.

קרעהט אַ האָהן זיין „קו־קע־רי־קו“,
איז צום שרייען גאָר אַ לייט.
וועקט פון זיסען דרימעל: אידען
ערשטער מנין — ס׳איז שוין צייט!

קו־קע־רי־קו — כוכבי־בוקר.
צייט איז שוין אין שוהל צו זיין...
שטראַהלען שפיגלען זיך אויף שויבען,
שפּאַרען זיך אין שטוב אַריין.

גיט ער זיך אַ רייב די אויגען
און ער שפּרינגט פון בעט אַראָפּ.
טרינקט באַלד טיי מיט מילך, אַ גלעזעל,
ווי ער גיסט נאָר „נעגעל“ אָפּ.

נאָכדעם נעמט ער קינדער וועקען:
„גיכער, נו, ארויס פון בעט!“
זעהט, אין דרויסען גרויסער טאָג שוין,
באַלד וועט זיין צו „שחרית“ שפּעט.

קינדער קריכען פון די בעטען,
און מען טוט זיך איילענד אָן.
צייטענווייז, מען הערט פון וויטען —
קוים עס קרעהט אַ שפּעטער האָהן.

* * *

ווי מען געהט ארוים אין דרויסען
שפּירט זיך פרישער מאָרגען־דופט.
הייליג איז דאָך אַזאַ מאָרגען —
אַנדערש גאָר די שבת־לופט!

געהען אידען אין בית־מדרש,
אַנד'רע איילען זיך אַזוי.
און אויף בוימער גלאַנצען בלעטלאַך,
אַנגענעצט פון מאָרגען־טוי.

אין די צווייגען זינגען פויגעל,
ווערט דאָס האָרץ מיט פרייד באַזעעלט!
פויגעל דאַווענען. זינגען שירה —
שבת־קודש אויף דער וועלט!

פון דער וויטען געהט אַ פּאַסטוך,
טרייבט אין פעלד אריין די פיה.
אויף בהמות בילט אַ הינטעל
מאַכט אַ טומעל אַזוי פריה.

זילבער־וואָלקענס ... בלייך דער הימעל,
שפּיגעלט שטראַהלען אויף דער וועלט!
אַ, ווי לופטיג איז אין דרויסען,
ס'ווילט זיך לויפען וויט אין פעלד!

נאר דעם טאַטען קימערט גאָרניט,
פעסטער ווערען זיינע טריט:
אין בית-מדרש דאַוונען, לערנען,
מוז וואָס פריהער געהן אַ איד! — — — —

אין בית-מדרש איז נאָך טונקעל,
שוואַרצע שאָטענס אויפ׳ן דיל;
ביי אַ שטענדער, שטעהט אַ פּרוש,
אַ פאַרקלעהרטער, לערענט שטיל...

די גמרא אויפ׳ן שטענדער,
טיעפט זיין בליק אין איהר אריין.
ער פאַרברענגט די נעכט אין תורה,
ס׳יאָהר-צייט-לעמפּעל איז זיין שיין.

אויף דער באַנק, ביים גרויסען אויווען,
דאָרט ביים ווינקעל, ווייט אַראָפּ,
זיצט אַ איד ביים אַלטען חומש —
ז׳מעביר-סדרה מיט׳ן „טראָפּ“.

ס׳האָט די טיהר זיך ברייט געעפענט,
ט׳איז דער שמש איצט אריין.
מאַכט ער אויף די גרויסע לאָדענס —
שטראָמט דורך פענסטער זונען-שיין.

און עס קומט אַריין דער דיין,
קושט מזוזה... קוקט אַרום...
וואַשט דערנאָך די הענט ביים „האַנט-פאַס“,
הויבט אָן זאָגען „ברכות“ פרום.

און דער עולם ווערט אלץ גרעסער,
יעדער גרייט זיין טלית צו,
יעדער איינער ביי זיין שטענדער,
אויבען אָן — נאָך ליידיג וואו...

דאָרט אין מזרח, ביי אַ שטענדער,
שטעהט רב׳ יונת׳על דער רב:
האַלט אין מיטען זאָגען „ברכות“—
וואַרט דער עולם ביז׳ן סוף.

דער בית־מדרש פול מיט אידען,
„שפעטע“ זאָגען „ברכות“ גיך.
פלוצלינג גיט אַ קלאַפּ דער שמש:
„שחרית“ — דאַוונען שטעלט מען זיך.

„שחרית“ מוז רב׳ שמואל דאַוונען,
זיין „חזקה“ — צוואַנציג יאָהר;
קיינער וואַגט זיין פּלאַץ פאַרנעמען,
אַ ירושה — דור צו דור.

שטעלט רב׳ שמואל זיך ביים עמוד,
— עלטער שוואַכט שוין אָפּ זיין קול;
עד, ניטאָ שוין יענע יאָהרען,
אָט די כחות פון אַמאָל.

נאָר געוואוינט איז שוין דער עולם:
„הערט מען ניט אַמאָל אַ וואָרט“...
„מוסף“ אָבער, זינגט אַ חזן —
ער פארנעמט רב׳ שמואל׳ם אָרט.

פריהער קומט הוצאת־תורה,
און „בנטוע“, שרייט מען אוים. . .
אנד'רע טוען אוים טליתים,
געהען זיך אין גאס ארוים —

פרישע לופט, א שמוס'על כאפען,
צייט גענוג ביז „מוסף“ דא.
ביז מען ווערט מיט אלעם פארטיג
נעמט אמאל א גוטע שעה. . .

אין בית־מדרש, אויף דער בימה,
טומעלט זיך גאר אהן א שיעור.
אפען ליגט די ספר־תורה
און מען לאדעט איין צו איהר :

יעמוד ר' יעקב־כהן —
צו דער תורה אייל די טריט!
נאדיר „ראשון“, מאך די ברכה,
אט אזוי, דארף טאן א איד!

דער בעל־קורא איז רב' חיים,
הערט נאר וואס ער לייענט דארט:
טיעפקייט ליגט אין יעדען פסוק,
פול מיט קדושה — יעדעס ווארט!

און מען טיילט אוים די עליות :
פריהער קומט די „מזרח־וואנט“,
נאכדעם רופט שוין צו דער שמש
יעדען איינעם נאך זיין שטאנד. . .

„הגבה־גלילה“ און „הפטורה“...
ס'קלינגען תורות־גלעקלאך פיין —
אויסגעפוצט מיט „יד“ און „כתר“
שטעלט מען זי אזוי אריין

אין דעם אַלטען ארון־קודש,
און מען שליסט די טיהרעל צו...
דער „פרוכת“ ווערט פאַרהאַנגען,
און דער שמש רופט צו רוה.

מען פאַרנעמט אויף גיך די ערטער,
אַלע בלייבען וואַרטען שטיל.
„מוסף“ דאַווענען קומט אַן עולם,
קיין עין־הרע, אזוי פיעל.

ביי דעם עמוד, שטעהט דער חזן,
זיינע העלפער — נעבען איהם.
הוסטען אוים זיך, ברומען אונטער,
און פּרובירען שטיל די שטים...

און דער חזן ציקעלט ווערטער,
די משוררים ברומען צו...
„איהם צו הערען — אַ מחיה!
אוי אַ זינגען, גאַטעניו!“

אידען ווערען שטאַרק באַגייסטערט,
אַ מנגן איז דער איד;
העלפען זיי איהם אַלע אונטער,
און זיי זינגען מיט איהם מיט.

אין דער „ווייבער-שוהל“ זיין דאַווענען —
נעמט ערשט אוים ביי זיי ביז גאָר...
יעדע לויבט איהם: „איי, איי, זינגט ער —
זאָל איך האָבען אַזאַ יאָהר“...

קוקט אַ מאַמע גראָד אַרונטער
אויבען פון דער „ווייבער-שוהל“,
פאַלט איהר בליק אויף מאַן און קינדער,
ווערט איהר האַרץ מיט פריידען פול...

ווישט זי אויגען מיט אַ טיכעל,
קוקט אין סידור צ׳ריק אַריין,
צו דעם חזן׳ס זיסען זינגען
הערט זי זיך מיט ליבע איין.

דאָך ביי „קדושה“, שטעהט אַ יתום,
זעהט נאָך אוים גאַנץ יונג אַזוי:
טאַטע-מאַמע פריה באַגראָבען —
זאגט ער „קדיש“ איצט נאָך זיי...

הערען מאַמעס — לאָזען טרעהרען,
פרעגען ווער דער יתום איז:
„אַ רחמנות! נעבאַך, נעבאַך“...
און אין האַרצען גיט אַ ריס...

נאָך „עלינו“, — אָפּגעדאַווענט,
טוט מען אוים טליתים שוין.
און דערווייל, מען כאַפּט אַ שמועס,
מ׳איילט זיך ניט אַ היים צו געהן.

אנד'רע שטופּען זיך צום מזרח,
אויף דעם חזן טאָן אַ בליק.
„אַ גוט-שבת“ ווינשט איהם יעדער,
און ער ענטפערט אָפּ צוריק.

און דעם רב, מיט יראת-כבוד
רינגלען אַלט-און-יונג אַרום:
שכינה שטראַהלט דאָך פון זיין פּנים,
ענטפערט יעדען שטיל און פרום...

און מען געהט ארוים אין דרויסען,
אויף גאַסם רייכע, שעהנע וועלט!
אומעטום — אַזוי פיעל שטראַהלען,
אלעס איז, ווי ניי באַזעעלט!

נשים פיהרען אַ יונג-ווייבעל,
שטיל מקנא איז מען זי...
אויסגעפּוצט אין זייד און ציהרונג,
ווי אַ בלום — אין רעכטען בליה...

און דער יונגער בעל-הבית'על,
מיט דעם רב געהט ער פאראוים;
נאך זיי געהען שעהנע אידען —
„כיבוד“ צו דעם „שווער“ אין הויז.

זעהט אַ רחבות, קיין עין-הרע,
חן באַשטראַהלט די גאַנצע שטאָט.
קוועלט די זון זיך אין גרוים נחת,
אַן „אב-רחמים“ — איז דאָך גאָט!

אויף דער גאַס איז שטיל און רוהיג,
פויגעל זינגען אויף אַ בוים.
אידען געהען זיך געלאַסען —
שטילע טריט צו זיך אַהיים...

מאַן און ווייב צוזאַמען געהען,
קעניגליך און טריט ביי טריט.
ווי אַ שטאָלצער פרינץ מאַרשירט ער,
אַ פרינצעסין געהט איהם מיט.

אַט, אזוי, צו זייער „פּאַלאַץ"
קומען אַן די ליעבע צוויי...
אַ געגרייטער טיש — מעדנים,
עך, אַ „טשאָלענט" וואַרט אויף זיי.

עסען „טשאָלענט" אלע שבת,
אַ, ווי גוט זיי ביידען איז!
„טשאָלענט, טשאָלענט", ליעבע אידען,
האַט אַ טעם — גן־עדן־זיס...

אויפ'ן טיש — אַ שיסעל קאַשע,
אָבער דאָס איז נאָך נים אַלץ.
זעהט, מען טראָגט אַ פעטען קוגעל,
ס'רינט פון איהם אראָפּ דער שמאַלץ.

„משקה, רעטאַך, קאַשע, קוגעל",
האַט איהר עפּעס אַפּעטיט?
קומט צום טיש און זעצט זיך עסען,
קומט און פיהלט זיך ווי אַ איד!

נאָך אַזאַ געשמאַקען עסען
ווערט דער איד ווי ניי באַלעבט!
זינגט ער „זמירות“ מיט כונה —
קלאַנגען — האַרציג אויסגעוועבט. . .

פיהרט „קאַפּעליע“ מיט אַ גאַפּעל,
און די קינדער זינגען נאָך;
זמירות זינגט מען נאר אום שבת,
אין דעם שעהנסטען טאָג פון וואָך!

די נשמה ווערט באַגייסטערט,
פיהלט זיך העכער. . . און פאַרפרומט
זינגט דער טאַטע: „כי אשמורה“,
און אַ לויב פון האַרצען קומט:—

„היט איך אָפּ דעם שבת-קודש
ווער איך דאַן פון גאָט באַוואַכט.
ר'האָט אַ בונד מיט אונז געשלאָסען,
לדור דורות אָפּגעמאַכט:

„ניט צו האַנדלען, ניט צו רייזען,
רוה מוז הערשען איבעראַל.
טיעפען זיך אין תורה לערנען,
שעפּען חכמה פון זיין קוואַל. . .

„היינט מוז זיין אַ צייט פון תענוג,
וויין און חלה, פלייש און פיש.
די וואָס זיצען ווי פאַר'דאגה'עט
שטערען בלויז דעם שבת-טיש.

„און זיי זיינען איהם מחלל,
האַלטען זיך פון איהם צוריק.
שבת איז אַ טאָג פון שמחה,
שבת איז אַ טאָג פון גליק.

„אַט דערפאַר וואַש איך מיין האַרצען,
ווי מיט זייף איך מאַך איהר ריין...
כ׳דאַווען מעריב, שחרית, מוסף,
ס׳ענטפערט גאָט מיר אָפּ גאַנץ שעהן.

„ר׳האָט אַ בונד מיט אונז געשלאָסען,
לדור-דורות אָפּגעמאַכט;
ניט צו האַנדלען, ניט צו רייזען,
די געשעפטען צוגעמאַכט"...

זינגט אַזוי דער טאַטע זמירות,
און דער פנים זיינער שיינט...
ווען ער ענדיגט, נעמט מען בענטשען,
מיט „מזומן" בענטשט מען היינט.

„מים-אחרונים" — אַט דערלאַנגט מען,
נעצען „בענטשער" פינגער איין:
„לאָמיר איצט, רבותי, בענטשען —
זאָל געלויבט זיין נאָמען זיין"!

ער האָט זאַט זיך אָפּגעגעסען,
„טשאָלענט" זעטיגט אַפּעטיט;
נאָך אַזאַ געשמאַקען עסען,
פיהלט מען זיך אַביסעל מיעד...

שליסען זיך די אויגען זיינע,
איילט ער מיט'ן בענטשען צו...
וויל זיך צושפּאַרען אַ ביסעל,
נאָכ'ן עסען שאַדט ניט רוה.

ציהט זיך אוים אויף דער „קאַנאַפּע“,
וויל דאָס קלענסטע קינד אַן אָרט;
וויל זיך שפּילען מיט'ן טאַטען,
מיט זיין סאַמעט־שוואַרצער באָרד.

שפּילט דאָס קינד זיך מיט'ן טאַטען,
נעמט זיין באָרד אין מויל אריין;
שטיפט דאָס קינד און ווערט פאַרמאַטערט,
און זיי שלאָפען ביידע איין...

* * *

ביי דעם פענסטער זיצט די מאַמע,
לופטיג איז עס דאָרט און קיהל.
עפענט אויף דעם „צאינה־וראינה“,
און זי לייענט מיט געפיהל.

דורך דיברילען, — געלע בלעטער
לייענט איצט די מאַמע פרום...
פול מיט ליעבע און געבעטען
טראָגען זיך ניגונים אום...

זי פאַרקנייטשט אַ בלאַט אין ספר,
גיט אַ קוש און מאַכט עס צו;
און זי געהט ארוים אין דרויסען —
טועם זיין פון שבת־רוה!...

שבת-צו-נאַכטס

שעהנער טאָג פון רוה און פריעדען,
מיט דיין קומען ברענגסטו גליק.
שמייכעלסט ליעבליך צו דעם אידען,
ברענגסט זיין יוגענט איהם צוריק.

זיצען געסט אין קליינעם גערטעל
און מען רעדט זיך הערצער אויס...
קינדער קריכען צו די בייטען,
רייסען יאדרעס פון א „רויז“.

ניין, מען טאָר ניט יאדרעס רייסען,
היינט איז שבת, שבת דאָך.
שבת, קינדער, ניט דערלויבט איז,
וואָס מען מעג אין מיטען וואָך...

* * *

דבורה׳לע, דעם סופר׳ס טאָכטער,
זיצט אַנטקעגען אויף די טרעפּ.
פון איהר שעהנעם קאָפּ, פאַרפלאָכטען,
כוואליען זיך צוויי שוואַרצע צעפּ.

איהרע אויגען — ווי צוויי זונען
ברענען דאָך אין פרומען בליק...
זיצט און טראַכט פון איהר „באַשערטען“,
דבורה׳לע האָט שוין איהר גליק...

יאָ, אין שוהל היינט, ביי דער תורה,
האָט זי יאָסעלען געזעהן...
הויך האָט ער געמאַכט די ברכות,
זאָל זי הערען, וואָס ער קען...

און איצט זיצט ער, מיט איהר טאַטען,
ביידע לערנען תורה דאָרט...
און איהר דאַכט זיך: אין אַ מלאך
ווערט פאַרוואַנדעלט יעדעס וואָרט...

אויף די טרעפּ, דאָרט פונקט אַנטקעגען,
זיצט אַ כשר-אידיש-קינד...
דבורה'לע, דעם סופר'ס טאָכטער —
פון וואָס חלום'ט זי אַצינד?...

* * *

שניידער יונגען — נאָך אין לעהרע —
שלייף און קראַגען לייטיש, שעהן,
וואַרטען זיך מסתם אויף מיידלאַך,
אויפ'ן פעלד שפּאַצירען געהן.

יעדער האָט זיך זיין „באַשערטע“,
פיהרט אין שטילען אַ „ראָמאַן“...
אין דער וואָכען נעהען ביידע —
איז אַ שבת דאָך פאַראַן...

בערעל געהט פאַרביי זיין חנה'ען,
עפענט שטיל זיך אויף די טיהר:
היינט איז שבת... קום שפּאַצירען,
קום, מיין ליעבענקע, מיט מיר.

* * *

אַט געהט יאָשע בעל־עגלה,
און זיין פערדעל געהט איהם נאָך.
ביידע מידע און פאַרשלעפּערט
פון דעם שווערען ארבייט־יאָך.

פיהרט זיין פערדעל צו דער פּאַשע,
אַלט איז יאָשע, שוואַך דער גאַנג;
שווער געארבייט — דאָך אין דחקות
אָפּגעלעבט אַ לעבען לאַנג...

* * *

שטעהט די זון שוין הויך און הימעל,
בלענדט די אויגען מיט איהר שיין.
רופט די מאַמע געסט צו כיבוד,
און מען געהט אין שטוב אריין.

עס דערוואַכט פון שלאָף דער טאַטע:
„ה־האָ!“—עס דורשט אין מויל אַזוי.
ברענגט צום טיש די מאַמע גלעזער,
באַלד וועט זיין אַ גלעזעל טיי.

וואַסער אין „אַ ליאַק“, נאָך פרייטאג
פון דער „קרעניצע“ געבראַכט.
און די טיי, וואָס איז פאַרזאָדען —
שמעקט פון ווייטען גאָר אַ פּראַכט.

זיצט אין „יארמולקע“ דער טאַטע,
האָט פון טיי הנאה גרויס.
פון דער גלאָז עס געהט אַ פּאַרע —
גוט צו טרינקען ווען ס'איז הייס.

האלט פאַר זיך אַ ספר אָפּען,
לאַנגזאַם מישט ער בלאַט נאָך בלאַט:
„פרקי אבות“, — טײַ'רע ווערטער —
וואויל איז דעם, וואָס ווייס דעם פּשט...

אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערען,
פאַרטיג איז ער מיט דער/טיי.
פרעגט דער מאַמען וואו די קינדער —
און ער געהט אַ זוך טאָן זיי.

עך, דאס קליינוואַרג, די קונדסים,
אויף דער לאַנקע, דאָרט ניט ווייט
שפּילען זיי זיך אין סאָלדאַטען,
אין מלחמות — שטאַרק פאַרשייט.

אָבער פונקט אין ברען אין רעכטען
טראָגט אַ טאַטען אָן דער ווינט...
לאָזט מען איבער די מלחמה
און מען לויפט אַהיים געשווינט.

מאַכען טומעל און זיך שלאָגען
איז אום שבת דאָך אַ זינד;
ס'איז אַן ארבייט נאָר פאַר גוים,
ס'פּאַסט ניט פאַר אַ אידיש קינד.

ס'וויל אַ טאַטע פון זיין אינגעל
הערען היינט אַ אידיש-וואָרט,
צאָהלט שכר-לימוד צו אַ רבי'ן,
האָט ער כאָטש אַ „פעולה“ דאָרט?

TODROS GELLER.

נאָר אַז ער פאַרהערט דאָס אינגעל,
און ער ווייסט גראד וואָס ער רעדט...
קלייבט דער טאַטע פון איהם נחת,
גיט אין בעקעל איהם אַ גלעט.

און ער טראַכט ביי זיך אין האַרצען:
„גאָטעניו, צו דיר איך האָף,
אויב דו ועסט נאָר שענקען יאָהרען, ,
קען מיין קינד נאך זיין אַ רב...

* * *

און דערווייל די זון, אַ מיעדע,
געהט אין מערב זוכען רוה.
זאָגט דעם טאַטען אָן אין פענסטער :
„מנחה, מנחה, אייל זיך צו“.

און ער טוט אָן די קאַפּאָטע,
קיהלער ווערט פאַרנאַכט די לופט.
לאָזט די געסט אין מיטען שמועס,
מנחה-צייט — אַ שטימע רופט...

געהט דער טאַטע אין בית-מדרש,
ס'וועט אַ מגיד רעדען דאָרט ;
וויל ער טאקע קומען פריהער —
ניט פארפעהלען קיין איין וואָרט...

* * *

אויפ'ן פעלד שפּאַצירט די יוגענט,
אָפּגעזונדערט און צו פּאָר...
גאר מיט „אַנדערע“ געדאנקען —
פרייער איז דער „נייער“ דור...

יוגענט איז אַ דור אַ נייער
פונ׳ם אַלטען אָפּגעשיידט...
אין בית-מדרש — גרויער אומעט,
אויפ׳ן פעלד דאָרט הערשט די פרייד...

פּאַלען שאָטענס... זינגט מען ליעדער,
חברה זינגט מיט גרויס געפיהל...
טראָגען שטימען זיך אין לופטען,
קלאַנגען — אומעטיג און שטיל...

זיצען בחורים און מיידלאך,
מורמלען שטיל זיך אַ געזאַנג...
זאַנפטע טענער, וויפיל בענקשאַפט
וועבט זיך איין אין יעדען קלאַנג...

שוואַרצע אויגען, אויפגעבליצטע,
הערצער קלאַפּען אין דער שטיל...
זאָגען אוים אַ סוד פון ליעבע,
פון אַ בענקען אזוי פיעל...

דאכט זיך: ווי דער תהילים ניגון
מישט זיך אוים מיט זייער ליעד...
אומעטום — דאָס זעלבע זיפצען,
אומעטום — דער זעלבער איד!...

* * *

אין בית-מדרש באַלד נאָך מנחה,
שטעלט זיך אָפּ אַ קליינע צאָהל:
„חברה-תהלים“ — „האָרעפּאַשנע“ —
שרייען „אשרי“ אויפ׳ן קול...

אנד'רע גאָר, פאַר מעריב, כאַפּען
אין „פּאָליטיקע" אַ בליק:—
ברענגען סברות איינס דעם צווייטען,
ווייזען חקירה, פּלפּול-שטיק...

דאָך די גרעסטע צאָהל פון עולם
פּראָוועט „שלש-סעודות" איצט.
דורך די פענסטער, כאָטש שוין טונקעל,
זעהט דעם אידען ווי ער זיצט

האַלב פאַרטרויערט, אין מחשבות:
נעכטען ערשט — אַזוי פיעל ליכט...
איצטער פינסטער, שווארצע שאָטענס,
און די וואָך אין פענסטער קריכט...

ענדיגט אָפּ דעם „שלש-סעודות",
נאָך אַ מצוה וואָס ער האָט:
קאלטען צימעס און „פיסנאגע",
צי פון פלוימען אַ „קאָמפּאָט".

נאָכ'ן עסען געהט ער ווידער
אין בית-מדרש, שטיל... פאַרטראַכט...
„תהלים, מעריב און הבדלה",
ווי דער מנהג — שבת-נאָכט...

* * *

אלע וועגען ווערען פינסטער,
שאטענס, שאטענס אויסגעשפּרייט...
נאר דער הימעל ברענט פון ווייטען,
בלויז אין מערב — צונטער רויט.

אויף די וועגען קריכען שאטענס,
„יוגענט" קעהרט זיך איצטער אום.
בין-השמשות, שבת גוסס'ט —
פינסטער, פינסטער אומעטום...

ווערט אין שטוב נאָך מעהרער פינסטער,
זיצט די מאַמע דארט אליין...
און זי זאָגט: „גאָט פון אברהם" —
ס'געהט אַוועק דער שבת שוין...

אַ, דער אומעט פון איהר ניגון,
וויפיל צער און וויפיל שרעק:
„גאָט דו ליעבער פון די אבות, —
שבת-קודש געהט אַוועק"...

דוכט זיך אוים: אַ שוואַרצע כמאַרע
שטאָט דעם שבת קומט אַהער...
דריקט אַן אומעט טיף אין הארצען,
ווי אַ משא — לעגט זיך שווער...

* * *

אין בית-מדרש זאָגט מען תהלים,
ס'יאָהר-צייט-לעמפּעל צאַנקט שוין אוים.
צייט צו דאווגען איצטער מעריב —
זעהט, אַ שטערען איז ארוים.

זעהט אין הימעל דאָרט אַ שטערען,
און אַ צווייטער בליצט איהם נאָך...
איצטער זעגענט זיך דער שבת —
אויף אַ פולער, גוטער וואָך...

און מען דאַוונט מיט אַ טרויער,
יעדער איז פאַרקלערט, פאַרטראַכט...
טעמפיג קלינגט דער „והוא-רחום“ —
ביי דעם עמוד, שבת-נאַכט...

טעמפיג קלינגט דער „והוא-רחום“,
אַ בעל תפילה?... ווער עס וויל...
אין די ווערטער קען מען הערן
ווי דער איד זיפצט אין דער שטיל...

שווערע זיפצען... שטילע קרעכצען...
און דאָס האַרץ עס וויינט... עס נאָגט...
טענה'ט אוים זיך מיט דעם בורא,
שטעהט פאַר איהם און בעט און קלאָגט...

אזוי שטעהט ער און ער דאַוונט,
מיט כונה, מיט געפיהל...
ביז מען ענדיגט דאוונען מעריב,
און עס ווערט אַ ווײַלע שטיל...

קומט דער שמש, מאַכט „הבדלה“,
ס'וואַקסען-ליכטעל פלאַקערט, ברענט;
און ער טראָגט צו נאָנט צום פייער
זיינע ביידע, דאַרע הענט...

זיינע הענט — אזעלכע דאַרע,
הויט און ביינער — פאַרמעט-פלייש...
יאָ, זיי זיינען כשר...ריינע...
מאך די ברכה פון „האש“...

און ער נעמט דאס זילבער־רעהריל,
האַלט אין האַנט עס ביי אַ ברעג:
„בשמים" — שמעקענדע־געווירצען,
און ער גיט פון דעם אַ שמעק...

זיס איז דאָך דער „בשמים־ריח",
יעדער שמעקט איהם, זאַפּט איהם איין...
און דער שמש לעשט דאָס ליכטעל,
טונקט עס אין „הבדלה" וויין...

* * *

ס'איז אַוועק די פרייד פון לעבען,
שוין נישטאָ קיין שבת מעהר...
אלע זיינען זיך צוגאַנגען,
דער בית־מדרש — פּוסט און לער...

דער בית־מדרש פּוסט און פינסטער,
אויפ'ן האַרצען — אויך אזוי...
עפּעס האָט מען איצט פארלאָרען,
טוט עס באַנג אַזוי און וועה...

געהט דער איד אַהיים פאַרטרויערט,
אויף די פּלייצעס קריכט דער יאָך...
מיעד טרעט ער די שוועל אריבער,
מורמעלט שטיל: „אַ גוטע־וואָך"...

איצט איז ער אוים פּרינץ געוואָרען,
זי איז קיין פּרינצעסין מעהר...
אויף דער האַנט דעם „כוס־של־ברכה",
נישט מיט פרייד — מיט טרויער שווער...

און דער טאַטע מאַכט „הבדלה“,
איז ניט „יוצא“ מיט דער שוהל...
. . . .

הערט — ער זינגט איצט דעם „המבדיל“ —
טיעפער אומעט אין זיין קול...

„זמירות למוצאי שבת“,
זינגט דער טאַטע טרויערדיק...
וויפיל צער אין זיינע אויגען,
וויפיל בענקשאַפט אין זיין בליק...

בענקשאַפט פאר דעם שעהנעם שבת,
פאַר דעם ביסעלע גענום...
שבת איז אַ צייט פאר תורה —
ווייל מיר לעבען אין איהר זכות...

„זאָגט דער גרויסער גאָט צו יעקב:
האָב קיין מורא ניט, מיין קינד.
ביזט ביי מיר דער אויסדערוועהלטער,
און דו האָסט ביי מיר פארדינט —

“איך זאָל שטענדיג זיין דיין היטער,
ווי דו היטסט מיין תורה אָפּ...
אויסדערוועהלטער פון די פעלקער, —
הויב מיט שטאָלץ ארויף דיין קאָפּ!...

“מיך דערגרייכען דיינע תפילות,
אַ געבעט איז יעקב׳ס קול.
ס׳שטאַמט אַ צווייג פון טיעפע וואָרצלען,
שטאַרק דער בוים נאָך פון אַמאָל...

„האָב קיין מורא ניט פאַר שונאים,
כ'וועל דיר שטענדיג שטעהן דערביי.
כ'האָב געשוואָרען: זיין דיין שומר,
און איך בלייב מיין שבועה טריי“...

זיסע ווערטער, ווי זיי טרייסטען,
געהען טיף אין הארץ אריין...
„גאָט! איך וועל דיין תורה היטען,
ביז אין קבר טריי איהר זיין“!...

מיט אן אומעטיגען ניגון
זינגט ער אלץ איינגאַנצען אוים...
ווערט איהם שווערער אויפ'ן האַרצען —
לאָזט אַ טיעפען זיפץ ארוים...

* * *

איצט איז אוים דער ליעבער שבת,
ס'איז דער ספר צוגעמאַכט...
שווער צו לערנען אין-דער-וואָכען,
רק פארנומען און פארשמאַכט...

שווער דער יאָך איז פון פרנסה,
אומעטום — דער וועג פאַרשטעלט...
ווי וואָלט איהם געווען דאָס לעבען,
ווען דער שבת וואָלט געפעהלט?...
....

„מלוה-מלכה“ איז דער טאַטע,
אידעלאַך: „אַ גוטע וואָך“!...
שוין אַוועק דער שבת-קודש,
שפּאַנט זיך איין צוריק אין יאָך...

„געהט און לאָזט זיך אויף די וועגן,
זוכט פרנסה, זוכט זיך גליק,
ארבייט ווידער, מאַכט געשעפטען —
ביז דער שבת קומט צוריק"!...

* * *

שעהנער חלום פון מיין יוגענט,
גאָטס געשאַנק פון פרייד און גליק:
ווען איך טראַכט פון דיר, אָ, שבת —
ווער איך ווי אַ קינד צוריק!...



פארשיעדענע לידער

מעלפאמענע און דער דיכטער

(די ביהנען־קינסטלער געווידמעט)

שוועבט „פעגאסוס“ מיט אַ דיכטער,
טראָגט זיך איילענד דורכ׳ן עטהער,
צו דעם מוזע־באַרג — „פּארנאסוס“
צו די טעמפּלען פון די געטער.

דאָרטען זעהט ער „מעלפאמענע׳ן“,
פון „טראַגעדיע“ — מוזע־געטין,
געהט פאַרטרויערט, שטיל, פּאַמעלאַך,
קוים די פיס, די ערד באַטרעטען.

געהט פון יעדען אַבגעזונדערט,
מורמעלט עפּעס — קוים צו הערען.
אויף איהר צאַרטען, קלאָרען פּנים
טריפען לאַנגזאַם — זילבער טרעהרען...

פרעגט דער דיכטער „מעלפאמענע׳ן“:
„געטין, וואָס זאָל דאָס באַטייטען:
ווען די „שוועסטער“ דיינע שטיפען,
שטעהסט און טרויערסט פון דער ווייטען“?...

„גליקליך זיינען מיינע „שוועסטער“,
— האָט געענטפערט „מעלפאמענע“,
„וועמען „צעאוס“ גיט זיין ברכה,
האָבען גליק שוין אייביג יענע...

„און געבענטשט האָט ער דעם דיכטער,
האָט אַ „צוקונפט“ איהם געגעבען...
דורות קומען, דורות שווינדען —
דאָך זיין ווערק וועט אייביג לעבען...

„ווען מיין קינד — „דער העלד פון ביהנע“,
איהם פארשאָלטען האָבען געטער...
ער שאַפט אויך, ווי דו, אין לעבען,
ווער דערמאָנט איהם אָבער שפּעטער“?

צו די „ניאגארא־פאללס“

פראגמענט

יהואש'ן — א מתנה.

ווי אויפ'ן ברעג, וואס מענטשען רופען
„טויטען־וועג“.
וועז, ווי צווישען „צייט“ און „אייביגקייט“
מיר שטעהען —
אזוי באטראכט איך איצט מיט שוידער
און מיט שרעק
דיין תהום, — א, ניאגארא,
וועמעס טיף מען קען ניט זעהן...
איך הער און זעה דיין דונערדיגען פאלען,
א, וואונדער!...
דו, רעטזעלהאפטע העכסטע קראפט,
וואס פאדערט אויף די גאנצע וועלט
ווי מיט טראמפייטען־שאלען
צו לויבען די געטליך־גרויסקייט
פון דיין שטראם וואס שאפט!...
מיט צארן שטורעמסטו, ווי דיר וואלט ניט געפעלען
דער ערדס געשעהענישען, די גרויזאמקייטען
פיעלע!...
און דו שרייסט
אזוי ווי א מחנה, שמערץ־ליידענדיגע זעעלען,
ווי א מרידה, ווילד, אונטער הימלען שטילע...
שרעקיג ביזטו ווי דער טויט —
און מיר דאכט זיך ווי איך הער
פון דיין רוישענדיגען וואסער הויך א שטימע
דונערט שטורעמדיג
און שרייט: —
„איך בין דער סימבאל פון דער אייביגקייט“!...

האַרץ און זעלע

דאָס האַרץ איז ווי אַ צאַרטע פרוי
וועמעס זאַנפטער מילדער בליק,
פילט דעם מענטשען אָן מיט גליק
ווי די בלומען — מאָרגען־טוי...

איהר אטהעם איז ווי בלומען זים,
יונגער צעדער — איהר געזיכט;
שטראַלט נאָך העלער פון דעם ליכט,
וואָס ברענגט דעם ערשטען מאָרגען־גרים...

איינזאַם אָבער איז די זעל,
שמערצען טיעפער פון דעם ים,
דאָרטען ברענט דער בענקשאַפט־פלאַם,
וואָס עס פיהרט צום טויטען־שוועל...

און איהר וועג — מיט דערנער פיעל,
מיט׳ן לעבען קעמפט זי שווער...
ביז זי האָט קיין כח מעהר —
און אין ליידען שטאַרבט זי שטיל...

מיין אָרט איז אין די הימלען

קומט די נאַכט אָן און איך וואַנדער
אין דעם גאָרטען פון חלומות...
אין אַ הימעל פול מיט שטערען,
אין לבנה־ליכט, אין שטראַהלען...

און אַ ווינטעל צאַרט און ליעבליך,
שלעפערט איין מיך אין חלומות...
ערגעץ דאָרטען זינגען פויגעל —
קלינגען אָפּ אין שלאָף די קלאַנגען...

פון די ווייטע, טיעפע רוימען
רייסט זיך דורך אַ צויבער שטימע:
„איך בין ליעבע" הערט זיך קלינגען,
„און מיין אָרט איז אין די הימלען!"

און די שטימע ווערט אַנטשוויגען,
לאַנגזאַם וואַכט אַ נייער מאָרגען...
צאַרטע קלאַנגען, פויגעל־טענער
מישען אוים זיך אין דעם זעפיר.

מיט דעם קומען פון דעם מאָרגען
מיין נשמה וואַכט פון טרוימען...
און זי בענקט דעם טאָג דעם גאַנצען,
נאָכ'ן בת־קול פון די הימלען...

בענקשאַפט

אין דעם טיעפען, בלויען הימעל
בלאַנדזשעט דאָרט אַ שטערען אום.
וואַרפט פון ווייטען — ליעבעס-בליקען
צו אַ צאַרט פאַרטרוימטע בלום.

און די בלום געהילט אין שאָטען
נאָך לבנה ט'זיך פאַרבענקט...
דאָס פאַרדריסט דעם שטערען אויבען —
ווערט ער שטאַרק פון דעם געקרענקט...

שטילע, זאַנפטע ליעבעס-וועהען
טראָגען דורך זיך אין דער לופט:
נאָך לבנה בענקט די בלימעל
און דער שטערען — בלומען דופט...

אַ לויה

פינסטער, רעגען און אַ שטורעם,
אוי, איז דאָס געווען אַ נאַכט ! . . .
זי, אין שוואַרצען און פאַרטרויערט,
האָט צו קבורה איצט געבראַכט

פון איהר האַרץ אַ שטילע ליעבע,
ריין פון תאוה. . . ריין פון לוסט. . .
שטיל באגראָבען, אזוי עלענט. . .
און דער קבר איז איהר ברוסט . . .

ניט געזאָגט האָט קיינער קדיש,
נאָר אַ בילען וואו פון הינט. . .
איהרע זיפצען האָט פארנומען
פון דער נאַכט דער בייזער ווינט. . .

?וועסטו מיינע זיין

קוקסט אויף מיר שטענדיג און שמייכעלסט,
דיך אַרט ניט מיין צער און מיין וועה...
שטעלסט אויף מיר אָן דיינע אויגען —
שפּיגעלט מיין בלאַסקייט אין זיי...

קוקסט אויף מיר שטענדיג און שמייכעלסט,
דיך אַרט ניט מיין לייד און מיין פּיין...
אין צווייפעל פרעג איך אַ פראגע: —
„וועסטו אַמאָל מיינע נאָך זיין?"...

כ׳בין ניט ווערט

אַ עס קלינגען שעהן די ווערטער:
„ליעבסטע מיינע, איך ליעב דיך“;
דאָך וואָס העלפען אָט די ווערטער —
אַלעס איינס ליעבסטו ניט מיך...

ווי איך זאָל דיר דאָס ניט זאָגען,
וואָלסט אַלץ איינס דאָס ניט געהערט.
גליק פאַר מיר איז ניט באַשאַפען —
כ׳בין מסתמא דאָס ניט ווערט...

צו דער נאַכט

שטילע נאכט, רוהיגע,
האָסט אלעם פאַרשלעפערט אין טרוים...
זאַרגלאָזע שוועבען זיך וואלקענדלאך אום,
באַציהען דעם הימעל אין בלוי.
און אונטער אַ זילבערנעם טוי —
האָט זיך פאר'חלומ'ט אַ בלום...

שטילע נאַכט, רוהיגע, ,
ביי דיר זוכען אלע אַ טרייסט...
ס'וויגט יעדען איין דיין אבענד־ליעד.
אין ווייטע וועגען ערגעץ וואו,
שפרייטסטו פליגעל אוים פון רוה
אויפ'ן וואַנדערער ווען ער איז מיעד...

שטילע נאַכט, רוהיגע,
ס'האָט דיך דער אומעט פון דעמערונג
אין טרוים פארשלעפערט שטילערהייט.
שלאָף זשע רוהיג, שטילע נאַכט,
ביז די פויגעלאך ווערען דערוואַכט —
באַגריסען דעם מאָרגען מיט פרייד!...

וואָס זאָל איך דיר ברענגען?

(סוזשעט אַנטנומען)

"וואָס זאָל איך דיר ברענגען ווען צוריק וועל איך קומען?"

— ברענג מיר, מיין ליעבסטע, וואָס דו נעמסט נאָר אַוועק
ביז וואַנען צוריק דו וועסט קומען.
די רוה פון זומערדיגע טעג,
דאָס זיסקייט פון פרישינקע בלומען —
און די ליעבע וואָס דו נעהמסט מיט אין וועג...

ברענג מיר פון דיינע אויגען דעם ליכטיגען בליק
וואָס פילט אָן מיין הארצען מיט פריידען!
און קומענדיג, ליעבסטע, צוריק
אויף קיינמאָהל זיך מעהר ניט צושיידען —
ברענג מיר דיין ליעבע, פון מיין לעבען — מיין גליק!...

ברענג מיר, מיין ליעבסטע, דיין געזיכט פול מיט חן,
עס מאַכט דאָך מיין גליק מיר פיעל גרעסער,
מיין לעבען פיעל רייכער און שעהן!...
דאָך מעהרער פון אלץ וויל איך בעסער —
אַז דו, אומגעביטען, זאָלסט קומען אַליין! ...

שלאָפלאָזע חלומות

זאנפטיגער ווינטעלע, זאַנפטיגער,
זומער־נאַכטיגער זעפיר,
גלעט מיין הארץ, וואָס ליידעט
בעת אין שטערען־ליכטער
כ׳טרוים און טרוים פון ליעבע...

העכער, קלאנגעלאך, העכער,
זיסע אבענדס־קלאַנגען,
אָטהעמט אין מיין הארץ אריין
די טרויעריגע ליעדער
פון מיינע ליעבעס־טרוימען...

שמייכעלט שטערענדלאך, שמייכעלט,
איהר רוהיגע שטערען אויבען;
שענקט מיר אַ שטראַהל פון האָפען
פאר מיין גסיסה־ליעבע —
וועקט זי צום לעבען ווידער...

לבנה־שטראהלען, בלאַסע,
דאָרט, אין די איינזאמע וועגען,
קומט ארוים פון די נעבעל־וואָלקענס!
וועל איך, אין שוים פון זיסען שלאָף —
פון מיין ליעבע טרוימען...

און ער לאַכט

שפּעט אין נאַכט. אין איהרע שאָטענס,
ליעב איך שטענדיג אומצוגעהן...
אויפ'ן הימעל — שטערען פיעלע,
און אין גאַס — נאָר איך אליין...

בלאָנדזשע איך אַרום אין גאַסען,
טיהר און לאָדען צוגעמאַכט...
טונקעל ברענען די פאַנאַרען —
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט...

און איך וועב חלומות שעהנע,
געה זיך אום פאַרקלערט, פאַרטראַכט...
ערגעץ זיצט פאַרשטעלט דער טייוועל —
דער מענטש חלום'ט — און ער לאַכט...

ווען איך וואָלט געווען

ווען איך וואָלט געווען אזוי ווי די זון —
מיין ליכט אין דיין האַרץ וואָלט געפלאָסען.
ווען ווי דער טאָג וואָס געהט לאַנגזאַם אַוועק
וואָלט אויך מיין פאַרגעהן דיך פאַרדראָסען...

ווען איך וואָלט געווען אזוי ווי די לופט,
דאס זיסקייט פון אָטהעם דיר געבען,
דאַן וואָלט מיין פאַרשווינדען פון דיר צוגערויבט
דיין יונגענקען, פרישענקען לעבען...

ווען איך וואָלט אַ סוד געוועזען ביי דיר,
אין האַרצען אין דיינעם פאַרקליבען...
דאַן וואָלט איך געוועזען ביי דיר אין געדאַנק
און דאָרטען אויף אייביג פאַרבליבען...

אַ פראַגע

ס'שיינט ביינאַכט אַ גאָלדענער שטערן,
כ'זעה איהם מעהר ניט אין פריהמאָרגען.
און מיך וואונדערט: וואו דער שטערן
אין דער פריה עס ווערט פאַרבאָרגען...

ווי דער שטערן, אויך מיין ליעבסטע
אויף אַ רגע קומט צו צינדען
ליעבע אין מיין הארצען,
און דערנאָך זי ווערט פארשוואונדען...

כ'ווייס, דער הימעל האָט אויך וואָלקענס,
ליגט דער שטערן אין דערינען...
נאָר עס בלייבט פאר מיר די פראגע :
וואו קען מיין ליעבסטע זיך געפינען...

פארגעסענעם גליק

כ'האָב איבערגעלאָזען מיין ליעבסטע אין שטאָט,
אליין האָב איך שנעל זיך פארנומען אין וועג.
געוואַנדערט, געזוכט, געפרעגט צי אימיצער האָט
באַגעגענט מיין גליק, וואָס איז לאַנג שוין אוועק...

נאָר באַלד האָט דאָס גליק פאר מיר אויפגעלעבט,
דאס גליק, וואָס איך האָב געזוכט אזוי לאַנג,
און האָב פון זיין שימער זכרונות געוועבט —
פארקערפערט אין ליעדער, אין ווערטער, אין קלאַנג...

די זון איז פארגאנגען, און צוזאמען מיט נאַכט
בין איך אין שטאָדט געקומען צוריק.
געפרעגט האָט מיין ליעבסטע: „וואָס האָסטו געבראַכט“?
און איך האָב געענטפערט: „פאַרגעסענעם גליק“...

וועסט פֿאַרגעסען

„פון לבנה-שיין באלויכטען
אויפ'ן קישען ליגט דיין קאָפּ...
טרערען טריפען פון די אויגען
קאַפּען אויפ'ן באַק אַראָפּ...

„יאָ, איך זעה, דו וויינסט אין חלום,
ס'הערט זיך אויך אַ זיפצען קוים...
און פון שרעק דיין בוזעם הויבט זיך,
ס'חלומ'ט דיר — אַ שלעכטער טרוים:

„מען פאַרלאָבט דיך מיט אַ צווייטען,
מיט דיין ליעבסטען וואָס וועט זיין?...
און דיר חלומ'ט זיך חלומות:
ליעבעס-וועהען, שמערץ און פּיין...

„טרעהרען טריק'נען... בלומען וועלקען...
זיי ניט, קינד, אזוי באַטריבט...
ס'וועט דער צער דיך לאַנג ניט קוועלען, —
וועסט פאַרגעסען — האָסט געליעבט"...

צו די וואָלקענס

אָ, צווייפעלהאַפטע וואָלקענס, אייביגע באַטריגער,
לייכטזיניג זיינט איהר אַזוי ווי אַ קינד.
איהר שוועבט דאָרט אין רוימען אַרום ווי די זיעגער,
און דאַך ווערט איהר באַהערשט פריי פונ'ם ווינט.
קאָלירען באַשיינען גאַנץ רייך אייער קלייד:
אין מאָרגען — געפאַרבט אין אַ ראָזענדען ציער,
אין זון-אונטערגאַנג — ווי פייערען רויט.
אין די הערליכע טעג פונ'ם בליהענדען זומער,
ווערט איהר, אָ, וואָלקענס, ווי נייע באַלעבט.
איינציגווייז ציהט איהר זיך, זאָרגלאָז אָהן קומער,
ס'דוכט זיך דער הימעל ז'פון זיידענס געוועבט.
נאָר קומט אָן אַ שטורעם, אַנטלויפט איהר געשווינט,
און בלייבט איבער איינע פון אייך אויפ'ן ברעג פון הימעל
פאַר'חלום'ט דאָרט שטעהן, קומט אָן באַלד דער ווינט
און טרייבט אויך די לעצטע פון אייך באַלד אַוועק...
אָ, וואָלקענדלאַך קליינענקע, פון מיר אַזוי ווייט,
הימלישע וואַנדערער, פון אייביג אָהן רוה!
איהר בלאָנדזשעט אין רוימען אָהן צוועק, אָהן אַ צייט,
צי האָט איהר אַ ברעג, אַן אָרט ערגעץ וואו?...

היינט איז ער צו מיר געקומען

מיין ברודער משה'ן — געווידמעט.

היינט איז ער צו מיר געקומען,
אין מיין צימער זיצט ער שטיל...
ניט געבראַכט האָט ער קיין בלומען,
נאָר אַ האַרץ וואָס ליידעט פיעל...

ניט געוואוסט האָט ער פון לעבען,
און אין איהם קיין גליק געהאַט...
פיהלט ניט מעהר קיין לוסט, קיין שטרעבען,
וועלקט און וועלקט ווי אין הערבסט אַ בלאַט...

צו דער ערד דעם קאָפּ געבויגען,
זוכט קיין הילף מעהר צו זיין וועה...
פינסטער זיינען זיינע אויגען —
ליכט אַ שטראַהל — ניטאָ אין זיי...

ניט געהאַט אַ טאָג אַ שעהנעם,
קימערט אויך ניט פאַר דעם היינט...
זוכט ניט מעהר קיין הילף פון קיינעם —
דאַרף קיין חבר ניט, קיין פריינט...

זיינע טריט ווי ביי אַן אַלטען,
רעדט מען צו איהם בלייבט ער שטום...
ניט אַ שמייכעל זיך אַ קאַלטען —
קוקט אויף קיינעם זיך ניט אום...

זיינע ליפען — בלאַס און טרוקענע,
פיהלט קיין דורשט און דאַרף קיין ברויט...
הינטער זיין געדאַרטען רוקען —
אויפ׳ן פידעל שפּילט דער טויט...

אַט אזוי, איז ער געקומען
אין אַ וועלט פון צאַרן בלויז...
וואו עס דאַרפען בליהען בלומען —
וואַקסען דערנער דאָרט אַרויס...

. . . .

היינט איז ער צו מיר געקומען,
אין מיין צימער זיצט ער שטיל...
ניט געבראַכט האָט ער מיר בלומען —
נאָר אַ האַרץ וואָס ליידעט פיעל...

פון וואָס חלום'ען די בלומען

פון וואָס חלום'ען די בלומען
אַזוי שפּעט אין מיטען נאַכט? . . .
וואַרטען: ס'וועט דער מאָרגען קומען,
אַרויסגעהן וועט די זון מיט פּראַכט

און מיט שטראַהלען וועט באַגיסען
און באַזילבערען דעם טוי,
וועלכער פאַלט אין שלאָף דעם זיסען
און פאַרשפּרייט זיך צאַרט אויף זיי ?...

אפשר חלום'ט זיך זיי — בלומען
וועלכע בליהען ווייט אַוועק ....
נאָר אַהין איז שווער צו קומען —
זעהר לאַנג צו זיי דער וועג ? . . .

צו אַ בלאָנדזשענדען

דו בלאָנדזשעסט אין מדבר,
אויף זאַמדיגע וועגען.
איז ערגעץ אַ ברעג דאָ?
ז'דאָ וועמען צו פרעגען?...

פון דורשט דיינע ליפען
מיט בלאסקייט באַצויגען...
עס זוכען אַ קוואל אום
די שלאָפלאָזע אויגען...

דער גומען איז טרוקען,
די ליפען פאַרשוואָלען.
ווייסט זיינען די פעלדער,
די בערג און די טהאָלען.

די שלאַנג און דער עקדיש,
ביי נאַכט די שאַקאַלען.
און וואויען פון ווינטען —
אַ פחד נעמט פאַלען...

ניטאָ אין דיין האַרצען
קיין סימן פון שרעקען.
מען קען ניט אַ טויטען
צום לעבען מעהר וועקען...

אַ מיעדער דו וואַנדערסט
אויף לאַנד און אויף ים'ען.
עס דיענען די פיס ניט,
און ברעכסט זיך צוזאמען...

דו שטאַרבסט מיט אַ קללה,
מיט האַס צו דעם לעבען —
וואַס האָט א חוץ ליידען
דיר גאָר ניט געגעבען...

יאוש

פול מיט ליידען איז מיין לעבען,
פול מיט יאוש און פאַרדראָס.
אַלץ אַרום מיר דונקעל, פינסטער —
ס׳איז מיין הימעל שטערענלאָז...

וואָלקענס דעקען צו דעם הימעל,
ס׳ברומט דער ווינד און ווייסט קיין רוה,
און אין הארצען דריקט דער אומעט —
ערגעץ ציהט מיך, כ׳וויים ניט וואו...

וואַנדער אום איך אין די גאַסען,
מיט אַ האַרץ פון ליידען שווער...
לאַנגזאַם קאַפּען רעגען־טראָפּענס —
מישען אוים זיך מיט מיין טרעהר...

בלומען

עס בליהען אין גאַרטען בלימעלאַך פיעל,
רויטע און בלויע און ווייס ווי דער שניי.
האָב איך דעם גאַרטען מיט דראָטען פאַרצאַמט,
מענטשליכע פיס זאָלען ניט טרעטען אויף זיי . . .

די רויטע, דאָס איז די רויז וועלכע רייצט,
לערכשפאָרן רופט מען די בלום וואָס איז בלוי;
די ווייסע, זי איז די ליליע וואָס בענקט
און חלום'ט פון זונ-שיין, פון זילבערנעם טוי.

עס בליהען זיך בלומען אויך אין מיין טרוים,
בלימעלאַך שעהנער פון רויט, ווייס און בלוי...
ליפעלאַך רויטע וואָס קושען זיך זיס,
אויגעלאַך שווארצע וואָס ברענען אזוי...

עס וועלקען די בלומען אין גאַרטען אָפּ גיך,
עס בלייבט ניט קיין זכר פון זייער פאַרפום . . .
עס לעבען נאָר אייביג די בלומען פון טרוים.
אַ, זאָג מיר, מיין ליעבסטע, צי ווייסטו ווארום ?...

אַ סוד

קריך אַרויף דאָרט אויף איהר פענסטער,
אָ, דו צאַרטע, שעהנע בלום.
ווערסט דערגעהן דעם סוד נאָך אפשר
פון איהר האַרצען וואָס בלייבט שטום...

און זי וועט אויף גיך אָפטרייסלען
מיט איהר האַנט דעם טוי פון דיר...
וועט דיך צו די ליפען פּרעסען,
קושען, גלעטען אָהן אַ שיעור...

דאַן וועט זי אודאי מורמלען
מיט איהר זאַנפטער, שטילער שטים: —
„בלימעל, זאָלסט איהם ניט דערצעהלען,
אַז איך חלום נאָר פון איהם“...

כ׳וועל מיין קינד דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסען

כ׳וועל מיין קינד, דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסען,
כאָטש פארפרעמדט דו וועסט שוין זיין
פון לאַנג...
עך, מיט אַ צווייטען ערגעץ זיין באַזעסען
ווי אַ אידיש-טאָכטער געהן
דיין לעבענס-גאַנג...
און איך —
וועל בלאַנדזשען ערגעץ-וואו אַ מיעדער
און טראַכטען פון די אַלטע,
אַלטע טעג,
וואָס וועלען קיינמאָל מעהר ניט קומען ווידער
נאָר, ווי אַ שאָטען, וועלען זיי זיך שפרייטען
אויף מיין וועג...
און אפילו —
ווען כ׳וועל אַן אָרט דערגרייכען
(אויב ס׳וועט זיין אזוי באַשערט...)
אַ קליינע שטיבעלע, אַ נאַכט-לעגער אַ ווייכען,
איך זאָל קענען רוהיג לעבען, אונגעשטערט...
און אין דער שטיבעלע מיט מיר צוזאמען
וואוינען וועט אַ ליעבע פרוי,
וועט מיך לאָקען מיט איהרע ליעבעס-פלאַמען,
וועט זיך מיר נאָר דאכטען:
— עס איז גוט אזוי...

ס'וועט אַ ליכטעלע בלויז צאנקען
אין מיין לעבען אין מיין שווארצען...
אָ, פיעל זי זאָל מיך צערטלען און זיך טוליען
צו מיין האַרצען,
און, מיט אַ ניגון אַזאַ שטילען
מיך פאַרשלעפערען אין
רוה...
וועל איך אלץ נאָך דעמאָלט פיהלען:
אַז זי איז נישט
דו!...

אַ פּעקעלע בריעף

אַט ליגט פאַר מיר איצט אַ פּעקעלע בריעף,
פון טרערען פאַרפלעקט און צוריבען...
ווערטער אַזעלכע, וואָס זיינען גאַנץ טיף
אין האַרצען אין מיינעם פאַרבליבען...
האָט דען ווער אימיצער אָט דעם באַגריף,
ווי זיי זיינען געוואָרען געשריבען ?...

. . . .

"געבלאָנדזשעט האָט ערגעץ אַ בענקענדיג האַרץ,
געוואַנדערט אויף שטיינערנע וועגען...
ארום און ארום אַזוי פינסטער און שוואַרץ,
דונערס און שטורעמס און רעגען.
נאָר פּלוצלינג, וואָס זעהט זי? פון וויטען עס שטאַרטשעט
ארויס גאָר אַ ליכט איהר אַנטקעגען...

„עס האָבען זיך הערצער באַגעגענט איצט צוויי,
מיט עהרליכע, ריינע פאַרלאַנגען...
הערצער, וואָס האָבען געטונקען אין וועה
און וואָלטען פון צער אויסגעגאַנגען...
געזונגען אַ ליעד נאָר האָט אימיצער זיי —
געוועקט האָט צום לעבען די קלאַנגען...

„איצט האָבען זיךביידע געטראָפען אין וועג,
צו וואַנד'רען אינאיינעם, צוזאַמען...
עס שטעהט זיך אַ פּאַלאַץ אויף ערגעץ אַ ברעג
אריבער די גאָר וויטע ים'ען...
ס'שטראַהלען פון פרייד דאָרט די עהרליכע טעג,
פון לעבען שלאָגט פונקען און פלאַמען!...

„ס'איז אָבערביידען געווען ניט באַשערט
צום פּלאַץ פון „ליעבע" צו קומען...
ערגעץ וואו ליגט דאָך באַהאַלטען אַ שווערד,
וואָס שניידט אָפּ פון לעבען די בלומען...
פאר בלומען ניטאָ איז קיין פּלאַץ אויף דער ערד,
וואָס איז נאָר פון דערנער פאַרנומען...

„און וויינענדיג האָבען זיך ביידע צושיידט,
אויף קיינמאָל צוזאַמען צו קומען...
פאַרלאָשען ז'געוואָרען פון לעבען די פרייד,
אין ענדלאָזען „ערגעץ" פאַרשוואָומען...
די „ליעבע" פאַר'יתום'ט, אַ בלאָנדזשענדע געהט —
מיט אָן אייביגען צער אָנגענומען...

„זי וויזט זיך אַמאָל, אין אַ טיפער-נאַכט, שפּעט,
ווען אין דרויסען עס ברויזט אַ געוויטער...
זי שטעלט זיך אַוועק פאַר אַ טיהר און זי בעט,
זי וויינט אַזוי יאָמערליך, ביטער...
נאָר באַלד הערט אַ קול זיך: געקומען צו שפּעט, —
געהט זי אַוועק מיט אַ ציטער"...

. . . .

אָט ליגט פאַר מיר איצט אַ פּעקעלע בריף,
פון טרערען פאַרפלעקט און צוריבען...
פון זיי איז אין הארצען אין מיינעם גאַנץ טיף
אַ וואונד דאָרט אַ גרויסע פאַרבליבען...
מיין הארץ ז'געוואָרען ווי אין שטורעם אַ שיף,
פון כוואַליעס געשליידערט... געטריבען!...

פאַרגיב מיר, אָ, פאָטער!

אָ, ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו מיין וועה,
אָ, ווען וועט די פיין מיך שוין לאָזען צורוה?...
פאַרוואָס, אָ, מיין גאָט, שטראָפּסטו מיך אזוי,
און האָסט מיך געמאַכט אזוי עלענד דערצו?...
איך שטעה איצט געבויגען פאר דיר ווי אַ קנעכט,
פאר דיר איז דאָך אָפען אלץ אין מיין הארץ...
אָ, שיק מיר דיין הילף און מאַך מיר גערעכט...
מאַך ליכטיג מיין לעבען וואָס איז אזוי שוואַרץ...
און האָב איך באַגאַנגען אַמאָל ווען אַ זינד —
פאַרגיב מיר, אָ, פאָטער, איך בין דאָך דיין קינד!...

דער מענטש איז פיעל ערגער ווי חיות אין וואַלד,
בּיסלאכווייז נעמט ער דאס לעבען אַוועק...
דאָס פּנים נאָר שמייכעלט... דאָס הארץ איז אייז קאַלט,
שווער צו פארשטעהן דעם סוד פון זיין צוועק...
אַ וואָרט פון זיין מויל איז ערגער דאָך פיעל
ווי בייסען עס וואָלט אַ גיפטיגע שלאַנג;
ער שטאַרבט פון דעם בּיס, ער ווערט אייביג שטיל —
פון מענטשליכען צונג דאָך ליידעט ער לאַנג...
זיין לעבען ווערט פינסטער... זיין גליק עס פארשווינדט.
ער ווערט ווי אַ בלאַט געטריבען פון ווינט...

ווי ביטער עס איז צו זיין עלענד און שוואַך,
אין כאַאָס פון רויב צו בלייבען אַ קינד...
אָהן פאטער, אָהן מוטער, אָהן פריינד און אָהן דאַך,
צו שלאָפען אַוואו נאָר אַ פּלאַץ מען געפינט...
און איז מיר באַשערט שוין צו ליידען אזוי —
ניט האָבען אַ ווינקעל, אַן אָרט ערגעץ וואו —
צו קענען אין שטילקייט דערטראַגען מיין וועה,
ביז איך וועל פארשווינדען אין אייביגער רוה...
טאָ זאָג מיר כאָטש, פאָטער, וואָס איז מיין זינד,
ווארום, אָ, באַשטראָפסטו אזוי שווער דיין קינד ?!...

פאַר מיינע זינד

(פרעמדער מאָטיוו)

פיעל מאָל אין דעמערונג־שעה׳ן, וויין איך, כ׳וויים ניט וואָרום.
ווי אַ וואָלקען אַ שוואַרצער אין דעם גרויען הימעל,
ווי אין שפּעטען הערבסט אַ פאַרוויאַנעטע בלום —
אַזוי איז מיין לעבען, דאָ, אויף דער ערד, אין דעם טומעל.
וואָס טו איך דאָ ? צי דאַרף אַזוי זיין ?
בלייבט פאַר מיר אַ סוד...
כ׳שטעה צום הימעל, בעט ווי אַ קינד:—
צו דיר, צו דיר, אָ, גרויסער גאָט !
פאַר מיין שוואַכקייט,
פאַר מיינע זינד !...

אַן עופּע׳לע

גרשונ׳קען — אַ מתנה

קינדערשער שמייכעלע, אויגעלאַך קליינינקע,
אַ, וויפיעל חן עס פאַרמאָגט אייער בליק!
ליגט זיך אין וויגעלע, ס׳קינד אַט דאָס שעהנינקע —
טאַטעלע־מאַמעלע קוועלען פון גליק!

בליהט זיך דאָס עופּ׳עלע אוים ווי אַ בלימעלע
אין פעלדעלע דאָרטען באַזילבערט פון טוי,
אויגעלאַך האָט עס אַזוי ווי דער הימעלע
ווען פול איז מיט שטערען, מיט וואָלקענדלאַך בלוי

ליעבינקע עופּ׳עלע, שעהנינקער מלאך׳על,
זיין זאָלסטו שטענדיג ריין אזוי, קלאָר.
פאַר טאַטעלע־מאַמעלע, אַזוי ווי אַ שטראַלעכעל —
זאָל לייכטען דיין לעבען אויף לאַנגינקע יאָהר.

איך ליעב

איך ליעב דעם מאָרגען —
ווען די זון אויף בערג זיך שפּרייט,
און פון גליק די פויגעל זינגען
אוים אַ ליעד פון העכסטער פרייד!

איך ליעב דעם העלען טאָג —
ווען אויפ׳ן וועג מיט מיעדע פים
געהט אַ וואַנדערער, פריי אָהן זאָרגען
און זינגט אַ ליעדעל הארציג, זים.

איך ליעב דעם אָבענד —
קלאַנגען שטילע — ערגעץ וואו . . .
פויגעל פליהען צו די נעסטען,
און אַלץ הילט זיך איין אין רוהע . . .

געאַרעמט געהט ווינטער מיט טויט.

עס זיפצען די ווינטען פון צפון,
און וואָלקענס־שניי טראָגען זיי בייזע
אויף וועגען, אויף ווייטע אוועק...
עס הוידען זיך ראבען אויף צווייגען
און ברומען דאָרט ליעדער פון טרויער
און פילען די לופט אָן מיט שרעק!...

די פראָסטיגע בוימער, זיי וויינען,
די בליטהען זיי ליגען אין פעלדער
פאַרפראָרען און טויט שוין פון לאַנג...
אויף אלעם פאַרשפרייט זיך אַ טרויער,
ס'טראָגט זיך אַ עכאָ פון קלאַנגען, —
דאָס זינגט דאָך דער טויט זיין געזאַנג...

און טיעף, אין דער ווייסקייט, דער ווייטער,
שפרייט זיך די זון דאָרט אַ בלייכע
מיט אַזאַ חוזק אזוי...
ווי איינער, וואָס האָט שוין פארלאָרען
די שפורען פון גלויבען און האָפען
און טעג גאַר אָהן ליידען און וועה...

און שטיל מיין נשמה אין טרויער
באַהעפט זיך מיט אלעס ארום איהר —
פון אומעט און צער אזוי פיעל...
דער בלייך־בלאַסער טאָג נעמט זיך שיידען,
שפרייטען זיך פינסטערע שאטענס —
און אלעס ווערט ווערען באַלד שטיל...

עס הערט זיך אַ שטימע פון ווייטען,
ס'קלינגט אָפּ פאַרשטיקט אין דער לופטען:
„דאס לעבען, דאס לעבען פאַרגעהט"!...
מיין בליק פאַלט אויף וועלדער און פעלדער,
און אַך, וואָס זעה איך איצט דאָרטען?...
געאָרעמט געהט ווינטער מיט טויט!...

די לירע

מיין ליעבען חבר איזראעל בלום.

ס׳איז מיין צימער טונקעל, פינסטער,
שאטענס אויף די ווענט און דיל;
כ׳הער דאס קלאפּען פון מיין הארצען,
דאָ, אין צימער, אין דער שטיל...
פּלוצלינג קומט אריין די מוזע,
גיט מיר אין דער האַנט אַ לירע:
„נאַדיר, טרוימער, אַ מתנה —
און פון עלענד שפּיל אַ שירה"...

כ׳בין צום פענסטער צוגעגאנגען: —
. . . .

זעה איך בילדער דורך מיין פענסטער,
אַלט, דאָך נײַ זיי בלייבען אימער.
בילדער פון דעם דרויסענס לײַוועגט,
וואָס נאַטור מאַלט יעדען זומער.
הויכע בערגער, ברייטע פעלדער,
זאַנגען צייטיג אויף די בייטען.
און אַ לאַנדשאַפט פול מיט בלומען —
מאַיעסטעטיש נעמט זיך שפּרייטען...

אין דעם וואַסער פון דעם טייכעל,
זונען-שטראַלען טאַנצען, קוועלען.
יאָגען שטיפעריש נאָך אַ כוואַליע —
וואָלטען כאַפּען זי נאָר וועלען.
טונקט זי אײַן זיך אין דעם וואַסער,
מיט געלעכטער אַ דערפרעהטע;
שפּרינגען אָפּ צוריק די שטראַהלען —
יאָגען באַלד זיך נאָך אַ צווייטע.

אט אזוי, א טאג א גאנצען
שטיפען כוואליעס מיט די שטראהלען,
ווילען ניט פון רוה גאר וויסען
ביז די אבענד-שאטענס פאלען.
דאן באווייזט זיך אויפ'ן הימעל
א לבנה, זילבער-שטערען.
די נאטור צום שלאפען גרייט זיך,
אלעס הויבט אן שטילער ווערען...

דעקט א נעבעל צו דעם הימעל,
בערג און לאנדשאפט עס פארשווינדען.
שטאט דעם זאנפטען זומער-זעפיר
בלאזען קאלטע צפון-ווינטען;
שטאט די גאלד'נע זונען-שטראהלען
וועלכע שטיפען מיט די כוואליעס,
שפרייטען זיך גאר שווארצע שאטענס —
הילען איין אין שווארצען אלעס...

געה איך צו צום אנדער פענסטער,
(עפעס גאר ווי אהן מיין ווילען...)
דארטען זעה איך שטעהען הייזער
איינגעהילט אין רוה אין שטילען.
גאסען ברייטע — ווי שאסעען,
פאלמען-בוימער ביי די זייטען;
צויבער, רייצענד זעהט די שטאט אויס
ווען מען קוקט אויף איהר פון ווייטען...

מאסען שטערען אויפ'ן הימעל
שמעלצען דארטען זיך צזאמען,
ווי זיי וואלטען דער לבנה
וועלען נאר דעם וועג פארצאמען...
נאר איהר קימערט די געפאר ניט,
שוועבט געלאסען אין די רוימען,
ווארפט א מאטען שיין אויף הייזער
וואו דער מענטש וועבט זיינע טרוימען...

כ'שטעה באוועגלאז, קוק אין פענסטער,
לאנגזאם געהט די נאכט פאראיבער.
העלער ווערט דער מארגען-שטערן,
באלד קומט אן א טאג א ליעבער.
פאלט דער מארגען-טוי אויף בוימער
עפ'נען פויגעל אויף די אויגען,
פליהען פון איין בוים צום צווייטען —
האלטען צווייגלאך זיך אין בויגען.

הויבען אן צו טרעלען, זינגען,
טראגען זיך אין לופט אום קלאנגען.
ווערט מיר ענג אין קליינעם צימער
וועקען זיך אין מיר פארלאנגען:
וואס מעהר לעבען און געניסען
אין דער וועלט פון לוסט און לעבען...
און איך לויף ארוים אין דרויסען —
מיט פארלאנגען... און מיט שטרעבען...
. . . .

„לויף ניט ווייטער“ — כ'הער אַ שטימע,
כ'קוק זיך אום און זעה פון ווייטען
שפּאַנט צו מיר די מוזע וויינענד
(כ'ווייס ניט וואָס זאָל דאָס באַדייטען ?...)
און זי פרעגט : „וואו איז מיין לירע ?
קענסט ניט ווייטער געהן פון דאַנען...
כ'וויל צוריק מיין לירע האָבען —
האָסט מיך, טרוימער, ניט פאַרשטאַנען“!...

אבענד-שטימען

אבענד-שטימען — הערט ווי
שטיל און ווייך זיי שאלען...
אבענד-ליכט עס פינקלען,
אבענד-שאטענס — פאלען...

ווייט אוועק זיי רופען,
פון זינד, פון וועה און פיין...
פון דעם שווערען לעבען
אין שטילער רוה אריין...

טענער — זיי דערמאנען
יוגענט געהט אוועק...
עס שיקען אונז גערוסען —
לאנג-אבגעלעבטע טעג...

בלענדט דאס ליכט די אויגען,
דאס הארץ איז פול מיט וועה...
פלאנטערט זיך אין מח
זכרונות — אלערליי...

אבענד-שטימען, הערט ווי
הויך זיי זיפצען, שאלען...
ס'לייכטען מעהר קיין ליכט ניט —
שווארצע שאטענס פאלען...

דיין נשמה

צו מיכעל דאווידזאָן

וואָס דונערט עס, דיכטער, וואָס בליצט אין דיין האַרצען,
עס הערט זיך פון דאָרטען פון שטורעם דער ברויז!
צי נעסטעט זיך, אפשר, אין תהום אין דיין שוואַרצען
אַ דעמאָן וואָס רייסט זיך צו פרייהייט ארוים?...
צי זוכט זי אַ תיקון אין צער דיין נשמה
וואָס בלוטיגט און ליידט פאַר אַ פאָלק נע־ונד?
פאַרשאָלטען אויף אייביג... עס גילט די נקמה
נאָך פונ׳ם אל־נוקם — דער אידישער גאָט!
צי האָט עס דער צער־פון־דער־וועלט דיך דערשלאָגען,
אַ לייב אַ געפאַלענער — פון קאַמף שוואַך און מיעד?...
צי פעלען אוים כחות דיין חלום דערטראָגען —
כאָטש טיעף אין דיין האַרצען אַ שטראַהל פון איהם גליהט.
צי איז דיר פון ליעבע דער קלאַנג פרעמד געוואָרען,
באַרוהיגט דיך מעהר ניט דאָס שטילע געזאַנג?
און דו האָסט דעם גלויבען פון דורות פאַרלאָרען,—
וואָס האָט דיין נשמה געטרייסט אַזוי לאַנג...
נאָר אָפטמאָל דערהערט זיך ווי טענער גאַנץ שטילע
באַצווינגען דיין ליעד... עס קלינגט האַרציג און ווייך...
אַ האַרץ — וועו עס בעט ביחידות אַ תפילה
און וויל זיך דערהויבען צו הימלישער־הויך...
נאָר באַלד ווערט די שטילקייט אינגאַנצען צוריסען,
אַ תוכחה קאָכט זיך אין האַרצען און זידט!...
די תפילות די שטילע אין ערגעץ פאַרפליסען;
אַ שטורעם פון קללות — דאָס האַרציגע ליעד...

דערצעהל מיר, אָ, דיכטער, דעם סוד פון דיין צאָרן,
און זאָג מיר ווער האָט עס געגאָסען דעם סם ?...
דיין ליעד דיר פאַרגיפטעט... אַ שטעכיגער דאָרן...
אַ שטורעם אַ ווילדער... אַ העלישער־פלאַם !...
דערצעהל מיר, אָ, דיכטער, פאַרוואָס דיין נשמה,
זי שטורעמט און דונערט און שטילט זיך ניט איין ?...
צי וויל זי אַ קאַמפף מיט דעם גאָט פון נקמה ? —
אָ, ווייסט זי כאָטש ווער עס וועט זיעגער דאַן זיין !...

. . . .

אַ ליעד

שטילע פריידען... וויפיעל ליידען
אין אַ האַרץ וואו ליעבע בליהט...
רגע׳ם גליקען... שעה׳ן טריבע,
פון זיי שאַפט זיך אוים אַ ליעד...

פליהט דאַס ליעד אַריין אין הימעל,
און אַ מלאך׳על עס ווערט...
קושט כביכול זי אין שטערען —
בענטשט די ליעבע אויף דער ערד...

אַ ליעד אין פּראָזע

(פּרעמדער מאָטיוו)

אָ, פּאַן, גאָט פון די פעלדער און וועלדער, גרויסער גאָט פון נאַטור, הער אויס מיין תּפילה. דאָ אין דער דונקעלהייט פון מיין אָרימען, קליינעם צימערעל שטרעק איך אויס מיינע הענט צו דיר.

אָ, פּאַן, לאָז מיך טרוימען.

לאָז מיך טרוימען פון אַ באקוועמען נעסט אין אַ ווייטען, ווייטען לאַנד, אַ לאַנד פון באגראָזטע לאַנדשאַפּטען און פּורפּור־פאַרביגע שטרעקעס, צווישען הויכע, שטאָלצע בערג און איבער'ן קאָפּ, אונגעהויערע גרויסע, וועלצענדע, וואָלקען־כוואַליעס. לאָז מיך טרוימען פון טייכען און בוי־מער און ווילדע בלומען און צייטיגע געלע קאָרן באַצויגען מיט זונען־שימער; לאָז מיך הערען דאָס געזאַנג פון די שניטער, און דאס פּייפען פון דעם מילדען זומער ווינטעל דורך די וויגענדע שפּיטצען פון דעם הויכען באָקסאַר־בוים; לאָז דעם ריח פון דער פייכטער ערד און פון די פאַרפומטע בליטהען זיך טראָגען מיט מיעלדקייט צו מיר אין אַ רוהי־גען, לופטיגען פריהלינגס אבענד; לאָז מיך הערען דאָס זיסע געלעכטערעל פון צופריעדענע קינדערלאַך; לאָז מיך טרוימען פון ליעבע, און פון מנוחה...

און דאָך, אָ, פּאַן אויב עס איז באַשערט, אַז איך זאָל געצוואונגען זיין מיט דער מיה פון מיינע הענט און מיט'ן שוויס פון מיין שטערען, אייגענען דאס שטיקעל ברויט, זאָל איך כאָטש לעבען אין צופריעדענהייט דאָס איך זאָל קענען פרייד פאַרשאַפען די אַלע אַרום מיר.

הער אויס מיין תּפילה דו גרויסער, ליעבער פּאַן און לאָז מיך, אָ, לאָז מיך אַביסעל טרוימען, און אין טרוים מיין גליק געפינען...

TODROS GELLER

איך דענק פון דיר שטענדיג

איך דענק פון דיר שטענדיג מיין ליבענקע קינד,
ווי אומעטיג קען זיין דאָס לעבען אָהן דיר.
און קום איך צום גאָרטען פון מיינע חלומות,
ביזטו דאָך דער מלאך וואָס עפענט די טיהר.
איך דענק פון דיר עהרליך, מיין ליעבינקע קינד,
ביזט מיט מיר שטענדיג, מיט מיר אומעטום.
דו קומסט ווי אַ שטראַהל צו באַלייכטען מיין לעבען,
דו ביזט פון מיין גאָרטען די הערליכסטע בלום.
דו האָסט מיך באַצויבערט, דו האָסט מיך געפאַנגען,
דיין האַרץ איז אינגאַנצען ליעבע, געפיהל.
די איינציגע ביזטו, וואָס קען מיך פאַרשטעהן...
דערפאר גליהט אין האַרצען אין מיינעם פאַרלאַנגען:
צו זיין נאָהנט נעבען דיר און זיצען זיך שטיל —
מירביידע צוזאַמען, אליין, גאַנץ אליין...

דיין בילד

איך לאָז ניט אַרויס דיין בילד פון מיין האַנט,
דיין בילד פילט דאָך אָן מיין וועזען מיט גליק,
און ברענגט מיר פאַרגעסענע פריידען צוריק,
ד׳רום לאָז איך דיין בילד ניט אַרויס פון מיין האַנט.
מיר דוכט — דיינע ליפּען באַוועגען זיך קוים
און מורמלען די ווערטער: „איך בין פאַר דיר,
עפענען וועל איך פון פריידען די טיהר,
פאַרווירקליכען וועל איך דיין הערליכען טרוים"...
עס קלאַפּען צוויי הערצער ערגעץ פון פרייד
ביי צוויי וועלכע זיינען אַזוי ווייט צושיידט,
עס וועבט זיך אַ טרוים פון ליעבע און גליק.
איך לאָז ניט אַרויס דיין בילד פון מיין האַנט,
מיר דוכט זיך דו ביזט מיר פון לאַנג שוין באַקאַנט,
עס טראָגט אין חלומות אַוועק מיך דיין בליק.

דו האָסט מיך געפאַנגען

דו האָסט מיך געפאַנגען מיט דיין רייצענדען בליק,
דו האָסט, ווי מיט קייטען, געבונדען מיין הארץ.
איצט גרעסערט זיך דאָרטען פון ליידען דער שמאַרץ,
עס בענקט זיך, עס לעכצעט: גיב ליעבע, גיב גליק...
אָהן דיר איז מיין לעבען ווי אָהן שטערען די נאַכט,
ווי אַ וואָלקענדער טאָג אָהן אן איינציגען שטראַהל.
אָ, דו ביזט פאר מיר, וואָס א פליסיגער קוואַל
ז׳פאר איינעם, אין ווילדערניש, ווען ער איז פארשמאַכט.
מיין הארץ איז געפאַנגען פון דיין ליעבענדען בליק,
האָט רוהיג און שטיל זיך געלייגט אויף זיין דנאָ.
אָ, נעם ניט אַוועק איצט דאָס זיסקייט צוריק
וואָס מאַכט אזוי פריידיג פון לעבען די שעה,
און רינגעלט מיין אומעט ארום אין אַ גליק, —
וואָס קומט אַזוי זעלטען אויף אונזער ערד, דאָ...

דו זינגסט

דו זינגסט . . . און מיר דוכט זיך ווי כ׳הער אין די טענער
אַ מורמלען פון ווערטער, פון קלאַנגען ניט דערהערטע.
שטילערהייט זינגסטו און דיין שטימע אַזאַ צאַרטע —
און דו, פאַרטיפט אין זינגען ווערסט שענער און שענער.
כ׳זיץ אויף דער ערד און אין דיין שוים מיין קאָפּ געבויגען,
אין שטוב איז פינסטער... און די פאָרהאַנגען פאַרהאַנגען.
ס׳כשופ׳ט מיך דיין זינגען, עס רייצען מיך די קלאַנגען,
זעה איך בילדער שעהנע מיט פאַרמאַכטע אויגען. . .
און די קלאַנגען טראָגען אַוועק אין ווייטע וועלטען,
אויך דו פליהסט מיט מיר אויף יענעם וועג צוזאַמען ;
אַ, כ׳פיהל זיך פריי אין לופט! . . . ס׳ציהען דיינע בליקען!
און מיר דערגרייכען ביידע די הייליגע געצעלטען,
איינגעהילט אין שטראַהלען, וואָס רייסען זיך ווי פלאַמען,
און דו מורמעלסט שטיל: "עס איז דאָס לאַנד פון גליקען"...

אָ, גאָט, דאָרט אין הימעל

„אָ, גאָט, דאָרט אין הימעל, נעם אָן איצט מיין תפילה
וואָס פליסט פון מיין האַרצען אַרוים אַזוי ריין.
אָט איצטער, ווען קיינער עס הערט מיין געוויין,
און זעהט ניט די טרערען מיינע, די פּיעלע —
וואָס פליסען פון מיינע צוויי פינסטערע אויגען,
און קייקלען זיך לאַנגזאַם אַראָפּ אויפ׳ן דיל...
אָ, גאָט, דאָרט אין הימעל, עס בעט דאָך ניט פיעל,
אָט דער, וועלכער שטעהט פאַר דיר איצט געבויגען...
אַזוי ווי דו היטסט אין פעלד דיינע בליטהען,
אַזוי זאָלסטו, גאָט, באַשיצען און היטען
די, וואָס באַגייסטערט צו שאַפען מיין ליעד...
די, וואָס פאַרמאָגט די צאַרטקייט פון טויבען,
און גיט מיר אין יאוש־צייט האָפען און גלויבען,
און מאַכט אַזוי לייכט מיין שווערען געמיט"...

ווען קומען וועט די שעה

אַ, ווי לאַנג, מיין ליעבסטע האָב איך נאָך דיר געגאַרט,
וויפיל טעג און וואָכען אין בענקעניש פאַרבראַכט.
די צייט געוועזן פאַר מיר איז ווי אַ לאַנגע אָסיען נאַכט,
איצט איז די שעה געקומען. אויף וועלכער כ׳האָב געוואַרט.
איצט וועל איך פון דיר ניט זיין מעהר אָפּגעשיידט,
און מיר וועלען צוזאמען געהן דעם זעלבען וועג,
אונזער גאַנצען לעבען, די יאָהרען און די טעג —
לאָמיר פון דעם שמיעדען אַ רינג פון זיסער פרייד!
ליעבסטע, געה און טו זיך אָן אַ קלאָרע, ווייסע קלייד,
באַגעגענען מיר וועלען אונזער גאַסט — די פרייד,
פאַלען וועט אויף אונז אַ שימער פון זיין ליכט.
און אָננעהמען מיט ליעבע וועל איך דיין קליינע האַנט
און דעם „צופאַל“ דאַנקען, וואָס האָט ביידען אונז באַקאַנט
און קוקען וועל איך לאַנג, לאַנג אין דיין געזיכט! . . .

אַ בינטעל מיט רויזען

איך טראָג אין מיין האַרצען אַ בינטעל מיט רויזען,
זיי זיינען פיל ריינער, פיל ווייסער פון שניי.
דער טוי פון מיין ליעבע רוהט דאָך אויף זיי —
אַ ליעבע אַ גרויסע, וואָס קען אייביג ברויזען...
און איך האָב די רויזען, די ריינע, די ליעבע
אין גאָרטען פון מיינע חלומות פאַרזייהט...
און דאָרטען, אויף זיי, ט'אַ טוי זיך פארשפרייט —
פון רוהלאָזע טעג, פון שעה'ן פון טריבע...
און פלוצלינג ביזטו אזוי ליעבענד געקומען,
ווי אַ מלאך, אַ ווייסער מיט פליגעלאך צוויי
פאַרטריבען פון גאָרטען דעם טריבענדען-טוי.
דאַן האָסטו אַ רויז געדריקט צו דיין ברוסט,
מיט אויגען פאַרטרערטע האָסטו עס געקושט —
דעם בינטעלע רויזען מיט זיך מיטגענומען...

נאָר איינע איז דאָ

ווי אַ ברויזענדער וואולקאַן, אַזוי איז מיין האַרץ,
אַ לאַווא פון פייער זידט דאָרטען און זידט!...
דאָרט שמעלצט זיך פון פלאַמען און פונקען מיין ליעד,
עס טראָגט זיך פון קראַטער אַ רויך אַזוי שוואַרץ...
אויפ'ן דנאָ פון מיין האַרצען זאַמעלט שוין לאַנג,
די משא ווערט אַלעמאָל מערער און שווער.
קען שוין דאָס האַרץ ניט דערטראָגען עס מעהר —
דערום אַזוי טרויעריג איז מיין געזאַנג...
נאָר איינע איז דאָ, וואָס קען שטילען דעם פלאַם,
וואָס ברויזט אין מיין האַרצען, אַזוי שטענדיג אָהן רוה,
און ווייסט ניט קיין אָבשטעל, און ווייסט ניט קיין צאַם.
אָט די איינע, מיין ליעבסטע, די איינע ביזטו.
ווען איך זעה דיינע אויגעלאך שוואַרצענקע צוויי —
פאַרגעסט דאַן מיין האַרץ איהרע ליידען, איהר וועה...

ווייטע וועגען

ליבענקע, עס האַלטען אונז וועגען ווייטע צושיידט,
און יעדער טאָג פאַר מיר די צייט איז אייביג גרויס...
עס שרייט דאָך פון מיין האַרצען אַ בענקעניש אַרויס —
און דאָס עכאָ טראָגט זיך אויף וועגען ווייט און ברייט...
זעה, עס לאַכט דאָס לעבען, און ווינקט מיט אויגען שטום,
עס שלאָגט דער פולס פון יוגענט מיט אַזאַ קראַפט און שוואונג!
אָ, ליבענקע דו מיינע, מיר ביידע אַזוי יונג —
און הער, די ליעבע רופט: "לעבען, לעבען קום!"...
וועגען — זעהר ווייטע האַלטען אונז צושיידט,
טראָגט זיך אין דער לופט אונזער ליעבע פרייד!
דאָס בענקען נאָך דיר מאַכט דאָס לעבען אַזוי זיס...
און זעהסטו וואו אַ פויגעלע פליהען אין דעם רוים,
דאָס פליהט עס אַזוי, ליעבענקע, פון מיר צו דיר אַהיים,
פון די מקומות מיינע עס ברענגט דיר אַ גערים...

זי...

וועןּ איך הער די גרויסע קינסטלער שפּילען,
וועןּ אויף פליגעל פון מוזיק טראָג איך זיך אין דער לופט.
און איך וואַנדער אין אַ גאָרטען פול מיט בלומען־דופט,
און אין האַרצען וועקט זיך שטאַרקער לעבענס־ווילען!
וועןּ ס'לעבען מיט זיינע רייצען לויפען מיר אַנטקעגען,
וועןּ אין בלאָהען עטהער זעה איך דעם אוראַלטען בריק,
וואָס האַלט אויף זיך פון דורות דאָס לאַנג־געזוכטע גליק,
און עס שפּרייטען זיך פאַר מיר, צו איהם, די ברייטע וועגען...
דאַן וואָלט איך, אַנשטאָט דעם גליק און די ערליכסטע געזאַנגען,
אַנשטאָט פון לעבען מיט זיינע רייצען נאָר איין זאַך פאַרלאַנגען,
אַז די, וועלכע איך ליעב, זאָל ניט לאָזען מיך אין וועג.
אַ, זי נאָר קען מיר געבען אין לעבען רוה און פריעדען,
זי קען, מיט איהר ליעבע, מיין לעבען אַט דעם מיעדען —
מאַכען פול מיט פרייד, אַ חלום — מיינע טעג...

אין אָבענדען שטילע

אין אָבענדען שטילע, אָפטמאָל מיר ריידען:
פון לעבען און ליעבע, פון שטאַרבען און זיין...
מיר בליקען מיט מוטה אין דער צוקונפט אריין —
מיט הערצער פון האָפען, גלויבען און פריידען...
אין שעה'ען אַזעלכע מיר קומט אויפ'ן זינען,
די, וועלכע באַגייסטערט האָט מיין גערדיכט...
אויגען צוויי בלויע, אַ בלאַסעם געזיכט —
און אַ טרעהר אויף די באַקען פלעגט רינען...
ווי גיך איז פאַרשוואונדען מיין פרייד און מיין גליק.
אַ חלום, ניט מעהר, איז פאַר מיר איהר געזיכט —
עס קומט שוין די פרייד ניט מעהר קיינמאָל צוריק...
דאָך ברענט פון פאַרגאַנגענהייט ערגעץ אַ ליכט,
וואָס לייכט אין דער פינסטער פון יאוש מיין בליק;
דאָס זיינען: — די טרוימען און אויך מיין געדיכט...

אָ, שטיל זיי, מיין האַרץ

זיי זעהען מיך שטענדיג אין פרעהליכען ליכט,
זיי זעהען מיך שטענדיג אין שימער פון פרייד;
זיי זעהען דעם שמייכעל וואָס ליגט אויסגעשפרייט —
און מאַכט אזוי רויטליך מיין בלאַסען געזיכט...
און קיינער עס ווייסט ניט ווי פינסטער און שוואַרץ,
ווי שווער איז מיין לעבען, ווי טיף איז מיין וועה.
און קיינער עס הערט ניט מיין זיפץ, מיין געשריי —
וואָס רייסט זיך ארוים פון מיין בענקענדער האַרץ...
מיין האַרץ איז אַ קבר, באגראָבען דאָרט איז
אַ ליעבע, וואָס האָט זיך געענדיגט אָהן גליק...
און ביטער געמאַכט, וואָס געוועזן אזוי זיס.
אָ, שטיל זיי, מיין האַרץ, די ליידען דערשטיק,
שווער איז צו היילען פון ליעבע דעם ריס,
ווערט וואָס צובראָכען, ווערט גאנץ ניט צוריק...

דו ביזט אזוי גרויזאַם

דו ביזט אזוי גרויזאם, דאָך מיינסטו עס גוט,
דו מאַכסט מיר צו ליידען און ליידעסט אליין...
און כאָטש דו ביזט ווייט הער איך דאָך דיין געוויין —
וואָס קומט אַזוי זעלטען אויף אונזער ערד, דאָ...
איך פיהל פון דער ווייטען דיין בענקשאַפט, דיין שמאַרץ,
אין האַרצען דיין ליעבע צום לעבען עס רופט!...
איך הער דאָך דעם רויש פון אַ זיפץ אין דער לופט —
דאס טראגט זיך אַ זיפץ פון אַ האַרץ צו אַ האַרץ!...
דו ביזט אזוי גרויזאַם און ליידסט אין דער שטיל,
ווען קיינער עס זעהט ניט אַ טרער דו פאַרגיסט,
מיט ג׳וואלט אונטערדריקסטו דיין ריינעם געפיהל,
וואָס וואָלט אונזער לעבען אויף אייביג פאַרזיסט...
מירביידע צוזאַמען, מיר ליידען דאָך פיעל —
אַ, דו אזא ליעבע, און ווי גרויזאַם דו ביזט...

צו שפּעט

איצט ווען מיין לעבען איז שוואַך און פאַרביטערט,
ביזטו ווי אַ ליכט-שטראַהל פון פריידען דערשינען,
ווי אויף אַ שטויב פון צופאַלענע רואינען —
אַ בלאַסער לבנה-שטראַהל שימערט און ציטערט...
כ'האָב אין צער און אין יאוש פאַרבראַכט מיינע טעג,
אַ לעבען פון עלענט, פון ביטערניש-קוואַל...
אַזוי טונקעל און פינסטער, קיין איינציגער שטראַהל
צו באַלייכטען אַביסעל מיין איינזאַמען וועג...
איצט ביזטו געקומען, טראָגסט קוואַלען פון גליקען,
איצט ווילסטו מיין יוגענט מיר געבען צוריק,
מיין זעלע, מיין האַרץ די פאַרשמאַכטע דערקוויקען...
דו ברענגסט מיר אַ קראַנץ פון געפלאָכטענעם גליק,
אַ צאַרט-מילדען שטראַהל פון זאַנפטליכע בליקען,
— ביזט צו שפּעט געקומען... נעם אַלעם צוריק!...

אַ פּאָרטרעט

אַ גאָלדענער שטראַהל, העל ווי אַ קינדערשער פרייד,
איז געפאלען אויף דיין ריהרענדען געזיכט
פול מיט חן... באלד איז אויך דאס זעלבע ליכט
געפאַלען אין די פאַלדען פון דיין זיידען-קלייד.
כ'שטעה פאַרטרויערט, קוק באַצויבערט אויף דיין בילד,
און די אויגען דיינע אזוי מילד און ווייך...
און פלוצלינג דיין געזיכט נעמט ווערען אזוי בלייך,
ווי לעבענס-טיפער טרויער וואָלט דיך איצט געהילט...
כ'שטעה און קוק אויף דיר, באַטרערט עס ווערט מיין בליק.
עס פאַלט אַ טרער אַראָפּ אויפ'ן גלאַטען דיל...
דעם וועה אָבער, אין זיך באַהאַלט איך און דערשטיק...
מיר דאַכט זיך — דיינע ליפען מורמלען אין דער שטיל:
„געוועבט אַמאָל אַ חלום, געטרוימט אַמאָל פון גליק —
איז דער טויט געקומען, אַ סוף געמאַכט צום שפּיעל"...

אַ חוב...

אויב „עלטער“ וועט איהר פינגער אויף איהר שטערען לייגען,
און אָנצייכענען „ווינטער“ אויף איהר ליכטיג מאַי־געזיכט.
די אָסיען־נאַכט די פינסטערע פאַרשטעלען וועט דאָס ליכט,
וואָס פלעגט אַזוי אין יוגענט שטראַהלען פון איהרע אויגען
אויב פון איהר פריהער יוגענט ניט בלייבען וועט קיין צייכען
און ציטערען און טרייסלען פון אַלטקייט וועט איהר האַנט.
און האַלב־בלינד געבויגען, מיט שוואַכע פיס געשפּאַנט
זוכענדיג פאַר עפּעס, וועלען וואָס דערגרייכען.
אַ, דאַן וואָלט איך נאָך אַלץ געליעבט און זיך געבויגען
ווי אַ קנעכט, אין יענער צייט, ווען מיך האָט נאָך געצויגען
דער זיסער שמייכעל איהרער, איהר גראַציע און איהר בליק...
ניין, כ'וואָלט זיך אויף מיין מזל פאַר קיינעם ניט באַקלאָגען,
שטיל און אפשר אויך מיט פרייד די קאַפּריזען איהרע טראָגען, —
כ'וואָלט אַ חוב געצאָהלט צו דער, וואָס האָט מיר געגעבען גליק...

לואיס דע קאַמאָנש

(1524-1579)

זיין פאטערלאַנד, וואָס איז מיט איהם געשטאָרבען,
האָט אין זיין ליעד אונשטערבליכקייט געפונען.
(ווילהעלם שטאַרק.)

אָ, דו גרויסער דיכטער פון לוסיאַדען-לאַנד.
דיין פאָלק האָט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען דיין גרויסען, טיעפען ווערט.
און יעדער „פיינער“ נאָבעל-מאַן ט'פון דיר זיך אָפּגעקערט,
ווען דו האָסט זיי פאַרהערליכט מיט פען און שווערד אין האַנט...
געבענטשט זאָל זיין מאַקאַאָ, אויף כינעס גרויסען ים,
מיט די הויכע בערג, וואָס רינגלען איהם אַרום, —
דאָרטען האָט דיין ליעד געשאַפען דיך דיין רוהם,
דו האָסט דיין פאָלק באַזונגען מיט געטליך-דיכטונג פלאַם...
שטאַרקער איז דיין וואָרט פון שטיין און פון גראַניט.
יעדע סטראָפע איז געמישט מיט דיין אָרימען שיקזאַל...
מיט פייער פון דיין הארצען האָסטו זיי אָנגעגליהט.
דיין ליעד ז'פאַר דיין פאָלק אַ זומערס זונען-שטראַהל,
אייביג לעבען וועט דיין לאַנד אין דיין שעהנע ליעד, —
אָ, דו גרויסער קאַמאָנש, שטאָלץ פון פאָרטוגאַל...

צו אַ דיכטער

(פראַגמאַנטיש)

דעם ליעבען א. ליעסין — אַ מתנה.

אַזוי ווי אַפּאָלאָ פלעגט שטעהן אין אַ ראָזעווען באַגינען,
מיט אַ לירע אין האַנט און צו באַזינגען דעם מעכטיגען
צעאוס און זיין קעניגרייך אויפ'ן באַרג אָלימפּוס,
אין דעם אַלטען גריכענלאַנד, דאָס לאַנד פון די געטער, —
אַזוי שטעהסטו אויך, דיכטער, אינ'ם פריה-מאָרגען,
מיט נבואה אין האַרצען, מיט היילינע פליכטען,
דאָ אויף דער איינזאַמער ערד, די מענטשען צו טרייסטען,
מיט דיינע זיסע לידער, גאָט געבענטשטער זינגער ! . . .
אַמאָל זיינען דיינע ווערטער נאָך ווייכער פון עטהער,
און צאַרטער פון ליליען און וואַרעמער פון שטראַהלען,
זיי שלעפערען אין טרוים איין ווי קלאַנגען פון האַרפען.
און אַמאָל זיינען זיי צאָרענדיג און בייז ווי דער שטורעם,
שטאַרק ווי דער דונער, ווי דער בליץ אַזוי שניידענד ! —
עס דאַכט זיך : אַז באַלד ווערט אין תהום אַלץ פאַרזונקען ! . . .

צו אַ מאַהלער

עס האָט דיך געפאַנגען דער צויבער פון טרויער,
דיין פּינזעל אנטדעקט נאָר דאָס ליידען און טויט...
אזוי ווי דיין מוזע וואָלט געעפענט דיר ברייט
פון אייביגען צער אָט דעם פינסטערען טויער...
די ברענענדע ליכטעלאַך טונקעלער ווערען,
עס ווערט אין דער שטיל דער תהלים געזאָגט...
אימיצער זיצט איבער'ן טויטען און קלאָגט, —
געשוואָלענע אויגען... פאַרטריקענטע טרעהרען...
עס מאָהלט דאָך דיין פּינזעל אין טונקעלע פאַרבען
פון לעבען דעם טרויער... און אַלץ וואָס איז שווער...
עס דוכט זיך, אַז אַלעס וועט באַלד, באַלד אָבשטאַרבען...
און עס וועט ניט פון לעבען אַ זכר זיין מעהר —
דער טויט, ער וועט אַלעס אָפּווישען, פאַרדאַרבען...
און פוסט וועט די וועלט זיין, איינזאַם און לער!...

אין שטילער נאַכט

מיין חבר ליאָוו שטיין.

אין שטילער נאַכט... אין שטילער רוהע־שעה...
ווען מיעד איז מען פון אַלעם און פון אַלץ אַרום...
דאַן ווילט זיך אַזוי ווערען אַ רגע'לע כאַטש פרום, —
האַסטו ניט קיין גלויבען... איז קיין גאָט ניטאָ....
וויינט דיין האַרץ אין דיר, וויינט זי אין דער שטיל,
פיהלסטו אַזאַ פוסטקייט, אַ יאוש אין דיין האַרץ...
דיין לעבען — ווי דער גיהנום־תהום, אַזוי פינסטער שוואַרץ,
און דו פרעגסט זיך דעמאָלט: „וואָס איז דאָך מיין ציעל?"...
דאַן עפען אויף דאָס ספר'ל — פייערבערג'ס „וואוהין?"
ער האָט אויך געפרעגט דאָס אייגענע וואָס דו : —
וואָס אַזוינס איז לעבען ?... וואו געהען יאָהרען הין ?...
— איז אַ גאָט פאַראַנען, זעהט ער אַלעם צו ?
שאַפט ער אַלץ מיט שכל, פיהרט ער מיט אַ זין ?...
אַך, ווי אַלט די פראַגע איז — דאָך גיט זי ניט קיין רוה...

צום פריהלינג

(פרעמדער מאָטיוו)

דיין קערפּער איז ריין ווי אַ קינדערשער בליק,
דיין שטימע איז זיס ווי פון האַרפעז דער קלאַנג,
עס וועקט נאָך אַלט-גריכענלאַנד אין האַרץ אַ פאַרלאַנג,
דיין ליעד ברענגט דאָך סאַפּאָ'ן צום לעבען צוריק.
אָ, זאָג, ווער האָט עס פון דער הויך דאָ אַראָפּ,
געהילט דיך אין שטראַהלען, אין סאַפּירען-גלאַנץ ?
געפלאָכטען פאַר דיר פון מיראַזשען אַ קראַנץ
צו באַצירען דיין געטליכען, הערליכען קאָפּ ? ...
דו שטראַהלסט דאָך ווי טויזענטער זונען אַרויס,
קלאַנגען — אַ גאַנצער אָרקעסטער-מוזיק,
וואָס טראָגען פון טרוימענדע וועלטען זיך בלויז...
עס בוקט די נאַטור זיך פאַר דיינעם אַ בליק,
די „ליעבע" דערצעהלט איהרע סודות דיר אויס, —
אָ, פריהלינג ! דער חלום פון פרייד און פון גליק ! ...

אין טריעבע שעה'ן

די גרינע בערג דערהויבען זיך און מאַכען מיר טרויערען,
די העלע זונען-שטראַהלען איך קוק אויף זיי דורך טרעהרען.
דאס רוישען פון דעם טייכעלע קען איך מעהר ניט הערען,
דאָס געזאַנג פון פויגעלאך פאַרנעמען ניט מיינע אויערען.
די פעלדער דאָרט, די גרינע מיט אַלע בליטהען, בלומען,
די פויגעלאך וואָס טרעלען און מאַכען ליעב דעם זומער,
דאס גרויסע פרייד פון לעבען וואָס ווירבעלט זיך ארום מיר —
דאָס קען איך איצט ניט פיהלען, מיין רייץ צו זיי ז'פארשוואומען.
די הערליכסטע קלאַנגען פלעג איך אין זיי דאך הערען,
עס האָט זיך אין מיין הארצען געוועבט פארלאַנג, באַגערען...
און אַמאָר פלעגט דאַן שפּילען זיין ליעד, פאַר מיר פון ליעבע...
און איצט איז דאך אלעס ווי אין א נעבעל וואו פארגאַנגען,
אַצינד האָט מיך דער טרויער אין זיין נעץ געפאַנגען,
אַצינד צאַנקט מיין נשמה אין שעה'ן אין טריעבע...

צום אמת-זוכענדען

ק. מ—ד

אַ, לעהרער, דיין בלאַסער פּנים, ער דערצעהלט מיר פיעל
פון שעה׳ן גליקלאַזע און פון טרויעריגע טעג.
אַ מיעדער וואַנדערער אויף אַ דערנער וועג,
מיט ליידען אָהן אַ צאָהל, געליטען אין דער שטיל...
„עס ווילען מענטשען ניט דעם נביא׳ס וואָרט פאַרשטעהן,
ווי פרעמד עס איז פאַר זיי זיין מוסר׳דיגע שטים...
רייסט זיך ווילענלאָז אַ פלוך אַרוים ביי איהם —
אַ פאַרלאָזטער געהט ער אויף זיין איינזאַם וועג אַליין...
„אַ פאַרלאָזטער געהט ער אליין זיין איינזאַם וועג.
בלויז דעם חלום זיינעם נעמט ער מיט זיך מיט,
און וואַנדערט אין אַ מדבר, פון מענטשען ווייט אַוועק.
„אַ לעבען נע־ונד, ווי אין גלות ס׳איז דער איד,
ער וויל קיין טרייסט ניט מעהרער און זוכט ניט מעהר קיין צוועק,
פאַר איהם האָט שוין דאָס לעבען אינגאַנצען אָפּגעבליהט“...

בין-השמשות

עס האָט אַ פּאַס פון גאָלד דעם הימעל-ברעג געהילט,
פּלייצט די זון די ערד מיט שטראַהלען גאַנצע ים׳ען.
צונטער-רויט דער האָריזאָנט, איינגעטונקט אין פלאַמען,
ווי מיט בלוט געפאַרבט זעהט אויס דאָס גאַנצע בילד.
און לאַנגזאַם נעמט פאַרשווינדען פון בערגער און פון ערד
לעצטע, קוים פאַרגעהענדע, פון דער זון די שטראַהלען.
עס איז דעמערונג און שווערע שאָטענס פאַלען —
און שפּרייטען זיך אויף אַלעס. פינסטער, פינסטער ווערט.
נאַכט. אויפ׳ן הימעל קלייבען שטערענדלאַך זיך פיעל,
אין איהר פולער פּראַכט די לבנה איז געקומען;
עס רוהט דאָך אַלעס איצט, עס איז דאָך אַזוי שטיל...
אין טייכעלע, פון וועלעכלאַך הערט זיך בלויז דאָס זשומען,
אַ זעפיר-ווינטעל פליהט און גלעט זיך זאַנפט און קיהל,
שמיפּט זיך מיט די גרעזעלאַך און הילט אין טרוים די בלומען...

אין מדבר אין וויסטען

איך פיהל אזוי עלענט אין טומעל פון שטאָט
וואו ס׳רוישט נאר א לעבען פון תאוה און גלוסטען...
עס ווילט זיך אַנטלויפען אין מדבר אין וויסטען —
און וואַנדערען דאָרט אין די וועגען פון גאָט...
איך וואָלט אין אַ הויל דאָרט אַ וואוינונג געמאַכט,
באַשיצט זיין ביי טאָג פון די ברענענדע שטראַהלען,
און דאָרטען פארברענגען ביז שאָטענס עס פאַלען
און שפרייטען אוים רוהיג אויף סטעפּעס די נאַכט...
דאַן וואָלט איך פון הויל פונ׳ם טיפען אַרוים
אַנטקעגען דער נאַכט, וואָס גיט אַלעמען רוה,
און שלעפערט אַלץ איין אין מוטער־ערד שוים.
מיין בליק וואָלט געפאַלען וויִיט, וויִיט ערגעץ וואו,
באַטראַכטען ווי שעהן איז גאָט׳ס וועלט און ווי גרוים!
און טרוימען, ביז ס׳שליסען די אויגען זיך צו...

אברהם רייזינען — אַ מתנה.

זינגער פון טרויער, ווען עס ציטערן די סטרונעס פון דיין לירע,
דאַן טראָגען דיינע שטילע, טיפע קלאַנגען אונז אַוועק
צוריק צו אונזער שטעדטעלע און מיט אַלע איהרע
פעלדער, מיט איהר טייכעל, וואו ווערבעס וואַקסען ביי אַ ברעג.
עס דערמאָנען זיך די שטיפערישע, שפּילענדיגע יאָהרען,
די יאָהרען פון דער יוגענט נאָך, זאָרגלאָז ווי אַ קינד.
איצטער אַזוי ווייט דערפון... לאַנג, שוין לאַנג פאַרלאָרען,
פאַרגאַנגען אין דעם „ערגעץ“ וואו, פאַרטראָגען פון אַ ווינט...
דאַן טראַכט איך, וואָס איז לעבען דאָך; אָ, עס ווילט זיך וויסען
אָט דעם זין פון „זיין“, פון קומען און פאַרגעהן...
ווי אַ בלעטעל פונ'ם ווינט פריה-צייטיג אָפּגעריסען...
אָט ערשט יונג און פול מיט לעבען און באַלד ניטאָ מעהר, שוין...
געבליבען נאָר אַביסעל ערד... אַ קבר'על אַ פרישען —
און צוקאָפּענס, פאַר אַ צייכען, אותיות אויף אַ שטיין...

זון-אונטערגאַנג

די זון זינקט לאַנגזאַם זיך אַראָפּ הינטער מערב-בערג,
רויט דער ראַנד פון הימעל, ס'גוסס'ט שוין דער לעצטער שטראַהל.
דעמערונג-שאָטענס שפּרייטען זיך, ווערט פינסטער איבעראַל
און די נאַטור, אין בין-השמשות, מאָהלט אַ מייסטער-ווערק.
עס בלייכט זיך פון דער ווייטען אַ ווייסער מאָנאַסטיר,
און אַ גרויסער גאָרטען רינגעלט איהם אַרום.
נאָנעס, אין אַ תפילה, שטעהען שטיל און פרום,
און די נאַכט פאַמעלאַך קריכט, די פינסטערניש מיט איהר...
אַוועק איז מיט'ן טאָג דאָס לעבען און די פרייד,
און נאָך איהם קומט אַ נאַכט פול מיט שרעק אַהער.
און אויף איהרע פליגעל שלעפּט זי מיט דעם טויט...
ווערט אויפ'ן הארצען אומעטיג און איך טראַכט און קלער: —
אָט ווי דער טאָג פאַרגאַנגען — מיין לעבען אויך פאַרגעהט...
דאָך קומט דער מאָרגען ווידער און איך — קיינמאָל מעהר...

זון-אויפגאַנג

אַ בלאַסעם מאָרגען-ליכט שפּרייט זיך אויפ׳ן מזרח-הימעל,
אַ טיעפער שווייגען הערשט און שטיל איז איבעראַל.
עס גערט צו קינד די זון, עס קומט דער ערשטער שטראַהל,
און ווי אַ יונגלינג, שטיפעריש, וועקט ער אַלץ פון דרימעל.
עס כאַפּט זיך אויף דער באַרג, די בלימעל עפענט אויגען,
ס׳באַוועגען זיך די בלעטלאַך פון דעם זעפיר-בלאַז.
עס מורמעלט שטיל דער טייכעלע, געבויגען איז דאָס גראָז,
עס טהוען אַלע תפילה, פאַר גאָט שטעהען זיי געבויגען...
און דו מענטש, באַצויבערט קוקסט אויף אַלעס,
און טראַכסט: ווי רייך דאָס לעבען איז, ווי הערליך און ווי שעהן!
טויזענט ליכטער פאַלען, מיליאָנען שטראַהלען כוואַליעס
עס גיסען זיך פון הימעל קלאָר אַזוי און ריין!...
און דו, דו וועסט אַמאָל דאָך איבערלאָזען אַלעס —
און אַליין וועסטו פאַרשווינדען, אין ערגעץ וואו פאַרגעהן...

אַ ליעד אין פּראָזאַ

אַ נעסט איז מיין האַרץ

אַ נעסט איז מיין האַרץ. אַלץ איז דאָרט אַנגעגרייט פאַר אַ פויגעלע וואָס וועט דעם נעסט זיינעם פאַר אַ וואוי־נונג מאַכען. איינמאַל האָט אַ פויגעלע וואָס האָט זיך צו מיין נעסט געלאָזט פליהען — דערזעהן ווי דער ווינט האָט פון דאָרט די קערענדלאַך צובלאָזען, איז עס אַוועק־געפלויגען ערגעץ אנדערשוואו... ס'איז דעם די נעסט מיינע ניט געווען געפעלען.

בין איך אין פעלד געגאנגען, דארט איינעם צו פאנגען: אין מיין נעסט צו פאַרשפּאַרען, האבען זיי מיינע טריט דערהערט און פאַר שרעק זיך צולאפען. בין איך אין טיעפען וואַלד אַוועק, די אַלטע בוימער צו פרעגען, די געבויגענע צווייגען צו בעטען: — אפשר קענען זיי אַ פויגעלע שענקען פאַר מיין נעסט דעם פוסטען, פאַר מיין האַרץ די טריעבע; — האָבען זיך די בלעטער שאָקלען אַנגעהויבען ווי זיי וואלטען מיר „ניין" געזאָגט.

בין איך פון וואַלד ארויס, צוריק אין פעלד דעם ברייטען; ס'איז שוין שפּעט געווען. האב איך זיך אויפ'ן הימעל פאַר־קוקט, באַטראַכטענדיג די דונקעלע וואָלקענדלאַך וואָס האָבען זיך לאַנגזאַם געצויגען איינער נאָך די אַנדערע, און די גאָלד פינקלענדע שטערענדלעך וואָס האבען זיך געוויר־בעלט אַרום דעם בלאַסען שיין פון דער לבנה.

עס האָט מיך אַ מיעדקייט באַפאַלען. האָב איך פון פוכקע גרעזעלאַך פאַר זיך אַ בעט געמאַכט, בונט־פאַרביגע בלימעלאַך צוקאָפּענס געלייגט און זיך איינגעהערט צו דעם וואַסער־מורמעל פון דעם נאָהענטען טייכעל, אין וועלכען די לבנה האָט איהר שיין גע־טובל'ט.

אין דעם ריח פון פריש בליהענדע ראָזען און לאַבונג־זיסער בלומענדופט בין איך אַ פאַרמאַטערטער איינגעשלאָ־פען.

האָט זיך מיר גע־חלום'ט: פון אַ ווייטע, ווייטע לאַנד, וואו די זון האָט איהר געצעלט געמאַכט און אַלעס באַדט זיך אין שטראַהלען פון גין־גאָלד — איז אַ פויגעלע מיט פעדערלאַך גאָלדענע צו מיר צופליהען געקומען, מיין האַרץ פאַר איהר נעסט צו מאַכען וואו זי זאָל רוה געפינען. האָב איך פאַר פרייד אין חלום געוויינט, ווייל ניט מעהר פוסט וועט שוין די נעסט מיינע זיין, און דאָס האַרץ וועט שוין מעהר ניט בענקען; דאָס פויגעלע וועט ליעדער זינגען און צום בורא תפילות טרעלען, ער זאָל דעם איינזאַמען נעסט בענטשען, יעדעם ווינקעלע מיט גליק אָנפילען, און דאָס מיט'ן קערענדעל „ליעבע" באַזאָרגען, עס זאָל די נעסט קיינמאָל דאַרפען פאַרלאָזען.

. . . .

אַזוי האָט זיך מיר גע־חלום'ט; האָב איך פאַר פרייד אין חלום געוויינט...

דער איד

האָט קיין וועג, דאָך וואַנדערט אום ער,
אָט דער אייביג אַלטער איד;
טראָגט אַ פּעקעל זאָרג און קומער —
מאַכט עס שווערער זיינע טריט.

שטורעמס קומען איהם אַנטקעגען,
זעהט ער ניט די „סטעזשקע“ קלאָר;
דאָך ער געהט — און טרעט אוים וועגען,
ניט פאַר זיך, פאַר פרעמדע גאָר . . .

און ער וואַנדערט — — —

אויסגעמאַטערט, מיט אַ בלייכען
פּנים, איבער באָרג און טאָל . . .
. . . .

זאָג מיר, ווען וועסטו דערגרייכען
שוין פאַר זיך אַ ברעג אַמאָל ? ! . . .

פון מלחמה צייט

פאַרשטעהט איהר דאָס ליעד?

פארשטעהט איהר דאָס ליעד, וואָס די שטערענדלאך זינגען
ווען שניי אָנגעפאַלען ליגט ווייס אויסגעשפרייט,
און קינדערלאך קליינע, מיט בעקעלאך פלאַמענדע —
שליטלען זיך, גליטשען זיך מיט האַרציגער פרייד ?
און נאכדעם, ווען אלע אין די הייזער שוין שלאָפען,
די בלעטלאָזע בוימער נאַר בלייבען אליין ;
דאַן זינגען די שטערען די בלייכע ארונטער, —
אָ, זאָגט מיר, קענט איהר זייער זינגען פאַרשטעהן ? . . .

פארשטעהט איהר דאָס ליעד, וואָס די שטערענדלאך זינגען
ווען דער שניי וואָס געפאַלען ליגט ווייס אויסגעשפרייט
און קינדערלאך קענען נים מעהר אויף איהם שפילען,
ווייל ער איז אינגאַנצען פון מענטשען-בלוט רויט? . . .
און נאָכדעם, ווען אלע האָבען שטאָדט שוין פארלאָזען,
געבליבען נאַר עטליכע חורבות אליין ;
דאַן זינגען די שטערען די בלייכע ארונטער, —
אָ, זאָגט מיר, קענט איהר זייער זינגען פאַרשטעהן ? . . .

באַשיץ דעם קבר

מיין פאטער גרשון־זרח — צום אָנדענק

מיט חורבות און קרבנות פול איז איצט די וועלט,
בלוטען פון הרוגים באַפאַרבען רויט די ערד.
דער טויט פאַרט רייטענד אום מיט אַ בלויזען שווערד, —
ער איז איצט דער קעניג, מען פאָלגט וואָס ער באַפעלט!...
און די גרויסע שטאָדט איז איצט אַ׳ חורבה בלויז:
בערגלאַך אומעטום — געפאַלענע אין קריג.
פון הונגער פאַלען אַלטע, ס׳דאַרט דאָס קינד אין וויג,
מעהר ניטאָ קיין היימען, קיין זכר פון אַ הויז...
אויף אַ בית־עולם ערגעץ, אין דער גרויסער שטאָדט,
אין אַ קבר דאָרטען, מיין פאָטער׳ס לייבע רוהט...
ווער ווייס גאָר צי דער קבר אַ מצבה האָט?...
אַ, דו האַר אין הימעל, וועלכער וואונדער טוט,
באַשיץ מיין פאָטער׳ס קבר, גרויסער שטאַרקער גאָט —
פון דעם גרויסען ים — אַזוי פיעל מענטשען־בלוט!...

עס האָט ניט געדאַרפט זיין אזוי

(צום אָנדענק מיין טהייערען חבר׳על שמואל טרמר,
וועמען דער טויט האָט אַזוי יונג פון לעבען אָפּ־
געשניטען...)

ווייס... ווייס... אָן אונענדליכע ווייסקייט,
אזוי ווי אַ ליילאַך ליגט קלאָר אויסגעשפּרייט...
— שטיל... שטיל... אַ בית-עולם׳דיגע שטילקייט,
ווי עס וואָלט זיך פארקליבען אהערצו
דער טויט!...

— און אפשר?...
ווייס... ווייס... און דער הימעל דער גרויער
קוקט אראָפּ מיט אַ טרויער
אויף די וועלכע געהען און פלעקען דאָ אונטען
און טרעטען די ווייסקייט מיט זייערע
טריט...
— עס הערט זיך אַ קרעכצען
אונטער אַ טראָט אַ געזונטען —
צי ווערט ניט פאַרשטיקט עס פון מתים
דאס ליעד?...
פון מתים, וואָס האָבען פארבענקט זיך
אהער,
פון ערגעץ אריבער די ים׳ען?
און אפשר —
פעלט נאָך אין בעכער פון שמערצען
אַ טרער...
— אַ טרער פון אן עלענדער מאַמען?!...

ווייס... ווייס... אן אונענדליכע ווייסקייט...
עס פאלט זיך א דינענקער שניי.
פון א פראסטיגען בוים שרייט אראפ דארט
א קראה: —
„עס האט ניט געדארפט זיין אזוי" !...

— אויף בארג און אין טהאל
עס טראגט זיך איהר קול
געמישט מיט א ווילדען געלעכטער!...
ביים הימעל — איך שווער
אין איהר קראקען איך הער
די קולות פון מענטשליכע ווערטער:—

טויט!... טויט!... טויט!...
עס האבען זיך מענטשען פארפרעמדט!...
רויט!... רויט!... רויט!...
וואלט זיך דער הימעל געשעמט!...
וואלט ער זיין צארן געשיקט אט אויף די,
וואס האבען די ערד אין רויטען
געפארבט...
וואס האבען געעפענט פון גיהנם
די טיהר,
און גארניט געזארגט פאר דער יוגענט
וואס שטארבט —
דארט אויף די פעלדער אריבער די ים'ען,
וואו עס פראווען דעמאנען דארט איצט וואקכאנאליע —
און זיינען ארויס פון דעם העלישען תהום
און האבען פארוואנדעלט די וועלט
אין א כאאס...

אין שטורעם... אין בייזען געוויטער...
פון זייערע קולות פאלען איין בערג,
— עס גיט אזש דער הימעל
א ציטער!...
און טרייסלען פלאנעטען אין רוים!...
און אומעטום האבען זיי נעצען פארשפרייט...
אין א בלוט-באד פארוואנדעלט דעם בארג
און דעם טאל!...
— מיט קולות פון בלוט-דורשט לויפט לילית
און שרייט!...
און פאראוים לויפט איהר שליח —
דער טויט מיט זיין קאסע
און שניידט... שניידט... שניידט...
אהן א צאהל...
.. ..

טויט!... טויט!... טויט!...
עס האבען זיך מענטשען פארפרעמדט...
רויט!... רויט!... רויט!...
וואלט זיך דער הימעל געשעמט!...
— איז אבער אלץ וויים... וויים... וויים...
ווי מתים ליגען צולייגט...
אפשר האבען זיך אייגענע פארבענקט איצט
אהער?...
און ליגען זיך רוהיג אויף אייגענער ערד?...
און דער הימעל דער גרויער
קוקט אראפ מיט א טרויער
אויף די וועלכע געהען און טרעטען דא אונטען...

און פלעקען די ווייסקייט מיט זייערע
טריט...
עס הערט זיך א קרעכצען... אזוי ווי
א בעטען: —
— „פארשטיקט ניט אינגאנצען פון מתים
דאס ליעד!...
— פון מתים, וואס פיהלען פון טרעטען
דעם ווערה...
— און הערען זיך איין צו דעם עכא
פון ווייטען: —
„עס האט ניט געדארפט זיין אזוי"!...
.. ..

צו א פריינד אין "קאזארמע"

ד. ב—ן

דו ליגסט אויפ'ן בעטעל, דארט אין „קאזארמע",
דו שלאפסט ניט, איך ווייס עס, אין פינסטערניש וואכסט...
און ווילענלאז ליגסטו א מידער און טראכסט
פון ליעבע, א האנד זאל דיר גלעטען, א ווארמע...
עס לויפען, פאר דיר, פארביי דיינע יאהרען,
יאהרען פון ליידען, פון פינסטערע טעג.
אזוי איז דיין לעבען אין עלענט אוועק,
ס'קערט זיך ניט אום, וואס ס'איז שוין פארלארען...
ליגסט אויפ'ן בעטעל און ווערסט ניט אנטשלאפען,
ס'טריפען פון אויגען א טרער נאך א טרער —
נאך פארלוירענעם גליק, אומזיסטיגער האפען...
א, עלענדער! טעג גאנצע זיץ איך און קלער:
פארוואס האט דיך גאט אזוי פיעל צו שטראפען —
פאר וועמעס זינד קומסטו אפ אזוי שווער?...

„רעטריט“*

עם שפּרייט זיך אַן אומעט אויף אַלעם,
און טונקעלער ווערט איבעראַל.
עם פאַלען געדיכטע שוואַרצע שאָטענס,
ס׳גוסס׳עט דעם טאָג׳ס לעצטער שטראַהל.

דער ראַנד פון דעם הימעל ווערט רויטער,
און וואָלקענס עס ציהען זיך וואו...
די לופט ווערט אַלץ קיהלער און קיהלער,
אַ פויגעלע פליהט צו איהר רוה.

עס שטעהען סאָלדאַטען אין רייהען,
דער עלטסטער, ער שטעהט ביי דער זייט.
און פּלוצלינג עס הערט זיך אַ שאַלען,
עס ענטפערט דאס עכאָ פון ווייט.

עס שטעהען סאָלדאַטען אין רייהען,
עס ריהרט זיך ניט קיינער פון זיי.
די אויגען — ווי פינסטערע לעכער,
אין הערצער — דער ציטער פון וועה...

*) אַלע פאַרנאַכט געהען די סאָלדאַטען פון די קאַזאַרמעס אַרוים
מען שטעלט זיך אוים אין לאַנגע שורות, אין מיליטערישער
אָרדנונג. מען ריהרט זיך ניט פון אָרט, ביז די מוזיק ענדיגט
שפּילען די נאַציאָנאַלע הימען „סטאַר ספּענגעלד בענער“.

עס שפּילט די מוזיק איצט דעם הימען,
עס ציטערט די לופט אזש פאר שרעק...
עס ציהט זיך א רויך פון די קוימענס —
און טראָגט וואו די טענער אוועק...

דערגרייכען די טענער די הייםען
און ברענגען די נאָהנטע א גרים...
דערצעהלען ווי עלענד זיי זיינען,
ווי שווער זייער לעבען דאָ איז?...

עס דאכט זיך די טענער זיי זיפצען,
אן „אוי״ קרעכצט ארוים יעדער קלאנג...
עס דרינגט טיעף אין הארצען א טרויער,
עס ווערט אזוי שווער, אזוי באנג...

אָ, טראָגט זיך איהר טענער, איהר קלאנגען,
טראָגט זיך אלץ העכער צום רוים.
איהר נעמט דאך מיט אייך מיט צוזאמען —
פון פרייהייט א הערליכען טרוים!...

א ליעד פאר אלע צייטען

אין צוויי טהיילען

ערשטעל טהייל

דעם גרויסען מענטשען, דעם ווארעמען אידען
און דעם שטענדיגען קעמפער פאר'ן אמת
—דר. יהודה־ליב מאגנעס — געווידמעט.

כ׳ווייס, אז מיינע ליעבעס־ליעדער
האבען זיכער ניט דעם ווערט,
דאס, וואס איך האב פאר דער פרייהייט
אויפגעטאן נאך אויף דער ערד...
לייגט דערפאר ניט קיינע קראנצען
אויף מיין קבר — בלויז א שווערד!...

(נאך היינריך היינע)

פיהר מיך אין די שטילע הימעלס־צעלטען,
דארטען, וואו דעם דיכטער׳ס פרייד עס בליהט;
וואו ליעבע, פריינדשאפט זיינען געטליך —
און הייליג איז זיין הערליך ליעד...

—געטהע.

עס טרעפען מאָמענטען אין לעבען פון מענטשען,
מען ווערט ווי דערהויבען און הייליג באַזועלט...
עס פליהען געדאַנקען ווייט הויך, אין די הימלען,
עס ציהט צו אַ העכערער, שעהנערער וועלט!...

דאַן ווערט מען באַפליגעלט מיט רייכע פאַנטאַזיעס,
געהילט אינ׳ם מאַנטעל פון זיס-טרוימעריי...
פאַרלאָזט מען אינגאַנצען די ערד פון די זינדער,
מען שוועבט אין די רוימען ווי פויגעלאך פריי!...

עס וועבען, די דיכטער, דאָרט אוים זייער חלום,
דאָס הערליכע ליעד קלינגט נאָך רייצענד און זיס...
דאָרט ווייט פון דער ערד און פון מענטשעלאַך קליינע —
וואָס שמייכלען פון אלעס, וואָס הייליג נאָר איז...

ווי טרויעריג, אבער, עס ווערט אויפ׳ן האַרצען
ווען אלעס, ווי פריהער, ווערט ווידער רעאַל...
ווען אלע חלומות — זיי ווערען צורונען,
צוזאַמען מיט זיי, אויך פון פריידען דער שטראַהל...

די פריידען פאַרשווינדען, אין האַרצען ווערט פוסטער,
דער ניגון פון אומעט דערהערט זיך צום לעצט...
באַוויינט די חלומות, די נאַר-וואָס געטרוימטע, —
די אויגען — זיי ווערען מיט טרעהרען באַנעצט...

אזעלכע מאָמענטען לעב איך אַצינד איבער:
עס מישט זיך צוזאַמען מיין צער און מיין פרייד...
אַט זעה איך דאָס לעבען: גאָר פריש ווי די יוגענט,
און אַט אזוי אַלט, ס'דערמאָנט שוין אָן טויט...

ווי גיך קומט די עלטער, ווי קורץ איז דאָס לעבען:
ס'קלעפּען זיך אויגען... זיי מאַכען זיך צו...
א קבר... א שטיין... אַמאָל בליהט א בלימעל,
אזוי האָט געלעבט א מענטש ערגעץ וואו...
. . . .

א פינסטערע נאַכט און עס שטורעמט אין דרויסען,
אַט קראַכט אוים א דונער, עס ציטערט די הויז!
א ווינט און א רעגען, עס שמייסען די שויבען —
ווי ס'וואָלטען איצט שדים פון גיהנום ארוים!...

מיט העסליכע מינעס, מיט טייוועל-געלעכטער,
טאַנצען טייוואָלים און שפּרינגען אום ווילד...
רייסען אוים בוימער און וואַרפען אום סלופּעס,
אין דרויסען איז אלעס אין שווארצען געהילט!...

איך זיץ אין מיין צימער און קוק אויפ'ן לעמפּעל,
א טונקעלער פייערל פלעמעלט און ברענט;
און שמעטערלינגס טאַנצען אַרום אין א ווירבעל,
און שאָטענס עס שפּרייטען זיך אוים אויף די ווענט...

איך האָב זיך פאַרזונקען אין טיפע רעיונות:—
„לעבען" און „טויט" און די „וועגען" פון גאָט...
פון טויזענטער פראַגען פון קיינעם געענטפערט,
וואָס זיינען פאַר מיר נאָך געבליבען א סוד!...

עס לאזט מיך ניט רוהען די „אייביגע פראגע“
וואס איז דאס לעבען און וואס איז זיין ציל ?...
עס ארבייט א מענטש אפ א לעבען א גאנצעס,
פאר ווענען, פאר וואס, שאפט ער אן אזוי פיעל ?...

ער ווערט דאך פארגעסען פון שפעטערע דורות,
עס ירש'ענען „פרעמדע“ זיין ארבייט אוועק...
זיין אייגענעם לעבען — א קייט פון יסורים —
אהן האפען, אהן גלויבען, א פינסטערער וועג...

ער שאפט, ער בויט וועלטען און אלץ נאר פאר יענעם.
די זאטע... די „פרעמדע“ געניסען דערפון...
די וועלט איז א שעהנע, א הימעל מיט שטראהלען,
און דאך — פאר די שאפער פארשטעלט איז די זון !...

* * *

איך ווייס ניט צי האט עס א שלאף מיך באפאלען :
עס האט מיך געפאנגען דער צויבער פון טרוים
און האט מיך באפליגעלט מיט רייכע פאנטאזיעס,
איך בין ווי אן אדלער געפלויגען אין רוים...

אהין וואו די דיכטער זיי טרוימען און שאפען
די ליעדער פון לעבען מיט שעהנקייט באצירט...
אהין, אויף די פליגעל פון תהום־אוראגאנען —
פון דאנען עס האט מיך דער חלום פארפיהרט...

און דארטען אוואו נאר מיין בליק איז געפאלען,
אוואו נאר איך האב מיינע אויגען געווענדט,
געשפרייט האבען פעלדער זיך אלע מיט בלומען
און גאלדענע שטראהלען די אויגען געבלענדט...



פלוצלינג דערהער איך אַ „בת-קול“ פון ערגעץ:
„אַ, פרעמדער, ווי קומסטו אַהער דאָ אליין?...
“דאָס אָרט דאָ איז הייליג און בלויז פאַר יחידים.
“די שטערבליכע טאָרען אויף דעם וועג ניט געהן!“...

„איך בין ניט געקומען מיט אייגענעם ווילען,
„עס האָבען חלומות געבראַכט מיך אַהער...
„און דאָ בלייב איך שטעהן; ווען דו וועסט באַפעלען
„וועט מיינער אַ פוס ניט אַ טראָט געבען מעהר“...

„איך קום ניט באַפעלען — רעדט ווידער די שטימע,
„איך קום איצט דערפילען אַ טרוימערס פאַרלאַנג...
„מיין נאָמען איז היינע, אַ דיכטער פון ליעבע,
„ניט פרעמד איז מיר אויך דער פרייהייטס געזאַנג“!...

* * *

עס האָבען געשפרייט זיך די פעלדער מיט בלומען,
און גאָלדענע שטראַהלען די אויגען געבלענדט...
אין גאָלדענעם שטראַם פון די טויזענטער ליכטער,
האָב איך איהם דעם דיכטער פון „ליעבע“ דערקענט...

ניט היינע אין לעבען איז ער איצט געוועזען,
אַ פנים אַ בלאַסער, די אויגען האַלב בלינד...
דער דיכטער, ביי וועמען אין בליהענדער יוגענט
איהם האָבען פאַר פים שוין צוויי קוליעס געדיענט —

געשטאַנען פאַר מיר איז דער געטליכער דיכטער,
אַזוי ווי אַ גאָט פון'ם אַלט-גריכען-לאַנד;
אַזוי ווי אַפּאָלאָ, אָלימפּישער ליעבלינג,
וואָס טראָגט מיט זיך שטענדיג אַ לירע אין האַנט.

„אָ, געטליכער דיכטער“ — האָב איך אויסגעשריען,
„גרויס איז דיין ליעבע, דיין גוטסקייט צו מיר,
„כ'האָב אין מיין לעבען דאָך שטענדיג גע'חלום'ט;
„אין דיכטער־לאַנד, דאָרטען, צו זיין נעבען דיר!...

„די ווערק פון דיין לעבען זיי זיינען מיר הייליג,
„זיי זיינען פאַר מיר אַ באַגייסטערונגס־קוואַל...
„זיי זיינען פאַר מיר אין שעה'ן אין טריעבע,
„אין יאוש מינוטען — אַ האָפנונגס־שטראַהל!...

„אָ, נעם מיך אַהין, אינ'ם לאַנד פון די טרוימען,
„דאָס לאַנד, וואָס איז תמיד מיט בלומען פאַרזייהט...
“און פיהר מיך אַהין, וואו עס חלום'ען דיכטער
“און בויען די וועלטען פון ליעבע און פרייד“!...

„כ'וועל פיהרען דיך, טרוימער, אין לאַנד פון חלומות“
— האָט היינע, מיט ליעבע, גערעדט איצט צו מיר...
„נאָר דו זאָלסט שטום נאָכגעהן, אַ וואָרט מער ניט ריידען,
ועסטו דאָן דערגרייכען פון „טרוים־לאַנד“ די טיהר“...

עס האָט מיר דער דיכטער אַ צייכען געגעבען,
כ'זאָל נאָכגעהן נאָך איהם אַ וואו נאָר ער געהט.
און איך האָב געוואַנדערט צוזאַמען מיט היינע'ן
אויף הימלישע וועגען, מיט קינדערשער פרייד!...

.. ..

און וואָלטען די געטער די קראַפט מיר געגעבען,
באַוויליגען מיר נאָר מיין לעבענ'ס פאַרלאַנג...
צו קענען באַזינגען די הערליכע שעהנקייט —
אין פשוט'ע ווערטער, אין ליעד און געזאַנג,—

דאַן וואָלט איך באַזינגען דיין הערליכע שעהנקייט,
דיין פּראַכט וואָס מען קען בלויז אין חלום נאָר זעהן.
אין ווערטער, פאַרשטענדליך פאַר גרויסע און קליינע,
מיט פייער פון הארצען, מיט געטליכען ברען!...

אזוי האָב איך געהענדיג אַלץ אויסגע׳חלום׳ט,
און לאַנגזאַם געוואַנדערט צום הימלישען צעלט.
נור פּלוצלינג דערזעה איך פון ווייטען אַ טויער
פון מארמאָרנע זיילען צוזאַמענגעשטעלט.

און הויך אויפ׳ן טויער, דאָרט שטעהט אָנגעשריבען
מיט אותיות פון פייער וואָס לייכטען ווי גאָלד:
„פאַר אונשטערבליכקייטען און נאָר פאַר געצעהלטע —
מיט פריידען פאַר ליידען ווערט דאַ אָפּגעצאַהלט!...

„ביי מיר איז אַ פּלאַץ פאַר „בויער און שאַפער",
פאַר די וועלכע טראָגען פון ליעבע דאָס וואָרט...
נביאים און דיכטער, און קעמפער פאַר פרייהייט,
איעדער באַזונדער האָט דאַ זיך זיין אָרט".

עס שטעהען צוויי כרובים, ווי וועכטער געטרייע
זיי זיינען פון טויער די היטער, די וואכט.
מיט טויזענטער ריגלען דאָרט שטעהט ער פאַריגעלט, —
זיי האַלטען פאַר „פרעמדע" איהם שטענדיג פאַרמאַכט...

און פּלוצלינג באַווייזט זיך אַ מלאך אַנטקעגען,
די שליסעל פון טויער ביי איהם אין די הענט.
אַ וואונק, און עס ווערען פאַרשוואונדען די היטער,
עס זינקען אין אָפּגרונט דער טויער, די ווענט.

עס האָט זיך באַוויזן אַ גאָרטען מיט בליטהען,
פון אַלערליי בלומען, פון ליליען, יאַשמין.
און פויגעלאַך האָבען געטרילערט, געסשוויטשערט
און זיינען געפלויגען אַהער און אַהין.

אין מיטען פון גאָרטען — אַ זילבערנער טייכעל,
און שוואַנען גאַנץ ווייסע, פיעל ווייסער פון שניי,
דאָרט זיינען געשוואומען אין וואַסער און לאַנגזאַם
געטונקען די קעפּ אין אַ פּערעלנעם טוי.

מיר זיינען געגאַנגען אלץ ווייטער און ווייטער,
פארשיידענע בליהונג ארום און ארום.
דער נעקטאר פון בלומען, ווי זיס איז דער ריח,
געבענטשט זיי, דו הערליכע, צערטליכע בלום.

דער ריח דער זיסער דרינגט טיף אין די הערצער,
עס גלעט אזוי האַרציג דעם שווערען געמיט...
ווי וואָלט דען אַהן דיר, אָ, דו, רייצענדע בלימעל,
געשאפען געוואָרען ביים דיכטער זיין ליעד ?!...

איך האָב אין מיין יוגענט פון בלומען גע'חלומ'ט,
די טרייסט פון מיין האַרצען געוועזן זיינען זיי...
ביז איינמאָהל איך האָב זיי געפונען צוטראָטען,
דערפאר טוט מיר שטענדיג דאס האַרץ אזוי וועה...

וואו איז זי, מיין ליעבסטע, די בלום פון מיין האַרצען,
וואָס האָט מיר מיין יוגענט מיט פריידען באַזעלט ?...
וואָס האָט מיר געגעבען די פליגעל צו פליהען,
פאַנטאַזיע — צו שאפען אין חלום אַ וועלט.

וואָס גיט נאָך אַצינד מיר, אין צייטען פון יאוש,
דאָס ביסעלע האָפען, פון לעבען די גלות! ...
און היילט די נשמה, פילט אָן זי מיט פריידען,
עס וואַרעמט און קרעפטיגט פון יוגענט דאָס בלוט! ...

„אָ, הערליכע שעהנהייט, דו טרוים פון מיין לעבען,
עס האָט מיך געפאַנגען דיין רייצענדער בליק! ...
און וואַרף איך זיך פיעל מאָל אין תהום פון פאַרצווייפלונג,
אַ שטראַהל גיט אַ בליאַסק פון פאַרגעסענעם גליק.

„עס שימערט אַ ליכט פון פאַרגעסענע גליקען,
געלאָזט אין זכרון — אַביסעלע פרייד...
ס'ברענט נאך אין הארצען, ווי דעמאָלט, די ליעבע,
זי פלאַקערט און גליהט נאָך צו דיר שטילערהייד...

„דיין שמייכעל, נאָך העלער פון אפריל־פריה־מאָרגענס,
דיין חלום'דער פנים — ווי שטערען אין רוים...
די אויגען — אַ צויבער פון גאָלדענעם שימער,
דיין שטימע — זי וויגט דאָך מיר איין אין אַ טרוים"...

געוועזן איז מיין ליעבע פיל צאַרטער פון ליליען,
פיעל ריינער ווי אַ נאַר־וואָס געפאַלענער שניי.
און זינדלאָז אַזוי ווי דער טרוים פון אַ בלימעל,
וואָס חלומ'ט פון זון־שיין און זילבערנעם טוי...

און זאָל אָט די ליעבע אויף שטענדיג באַלייכטען
מיין איינזאַמען וועג, מיין שווערען געמיט...
מיין לעבען דאָס גרויע — מיט יוגענט באַנייען,
פאַרהילען אין פרייד מיין פאַר'יתום'טעם ליעד! ...

עס זאָל פון אַ בליץ זיך, מיין ליעד, טראָגען שנעלער,
און ליכטיגער מאַכען אַוואו עס איז שוואַרץ...
ווי גאָלדענע שטראַהלען אין טעג גרוי פון וואָלקענס —
זאָל ווערען מיין ליעד פאַר'ן מענטשליכען האַרץ!...

* * *

מיר זיינען געגאַנגען אלץ ווייטער און ווייטער,
געוואַנדערט אויף וועגען דורך בוימער געדיכט.
און איך האָב דערזעהן פון ווייטענס די טעמפּלען
באַגאָסען אינגאַנצען מיט הימלישען ליכט.

די טעמפּלען אין וועלכע עס הויזען די דיכטער,
נביאים און קעמפער צוזאַמען מיט זיי;
אַט דאָרטען וואו אלעס איז אייביג און הייליג,
קיין זכר, קיין סימן פון ערדישער־וועה...

אַט דאָרט וואו עס וועבט זיך דער הערליכסטער חלום,
אַ טרוים, וואָס פאַרגעהט ניט אזוי ווי די נאַכט...
נאָר דער וואָס הילט איין עס די מענטשען אין פריידען,
און פיהרט זיי אין וועגען פון געטליכער פּראַכט!...

עס שטעהט דאָרט אַ שפּיגעל פון אייביגער יוגענט,
עס שפּיגעלט די קינדהייט זיך אָפּ אויפ'סניי...
און ס'ווערט די נשמה דערהויבען און הייליג,
פליהט אום ווי אַן אָדלער אין וואָלקענס גאַנץ פריי!...

„אָ, הייליגע טעמפּלען! אָ, פרומע געצעלטען
פון די, וועלכע זיינען פאַרגעטערט, פאַרעהרט...
פון די, וועלכע האָבען באַרייכערט דאס לעבען
אין טומעל, אין כאַאָס, ביי אונז אויף דער ערד!“

די טיהרען פון טעמפלען זיי זיינען צועפענט,
דאס אויג ווערט באַצויבערט פון רייכטהום און פּראַכט!
מען זעהט דאָרט די טייערסטע טישען און שטולען,
איינגאַנצען פון גינ־גאָלד פון ריינעם געמאַכט...

דער דיל ביים אַריינגאַנג געשפרייט איז מיט טעפּיך
פון זיידענע פעדים גאר קינסטליך געוועבט.
ס'ברענען פיעל ליכטער אין פּראַכטפולען־פּורפור,
אַט דאָרט ווערט דאָס אייביגע לעבען געלעבט!...

עס ציהען זיך זאַלען אַוועק ווייט אויף מיילען,
און וואונדערליך קוקט עס פון ווייטען אַלץ אוים:
די דילען פון גאָלד און די ווענט לויטער שפּיגעל —
און וואו נאָר דאָס אויג פאַלט, זעהט שעהנקייט זיך בלויז...

געהיימניספול טראָגט זיך אַ שעפּטשען פון תפילות
פון הייליגע ווערטער, ווי עהרליך, ווי פרום!...
מען זעהט, ווי מטטרון, ער נעמט זיי צוזאַמען
און פלעכט פון זיי אוים פאַר כביכל'ן אַ בלום.

ווי זילבערנע פעדים צופליסען זיך שטראַהלען,
ס'וועבט זיך פון זיי אין דער לופטען אַ קראַנץ;
פון גינ־גאָלד און פּורפור, פאַרשיידענע פאַרבען
עס ווערען די אויגען פאַרבלענדט פונ'ם גלאַנץ!...

עס בלענדען די אויגען די גיסענדע שטראַהלען,
ווי ערגעץ וואו וואָלט זיך צושפּאָלטען אַ זון:
לבנה מיט שטערען צוזאַמען געשמאָלצען —
און ס'גיסען זיך טויזענטער ליכטער דערפון!...

און דורך די שטראַהלען, דאָרט זעהט מען עס געהען
פיעל טויזענטער מענטשען שפּאַצירען צו פּאָר...
געקליידעט אין ווייסען, אין זילבערנעם שימער,
און אויבען דער גלאַנץ פון שוואַרץ-לאַנגע האָר.

מיט לאָרבערנע קראַנצען, אין גאָלד אויסגעפוצטע,
ווי יעדער פון זיי וואָלט אַ מלך גאָר זיין...
די יונגע געזיכטער, מיט שמייכלענדע בליקען,
געהילט פון דער שכינה אין הייליגען שיין...

זיי געהען זיך לאַנגזאַם אַריין אין די טעמפּלען,
און ווערען פאַרשוואונדען אין זיי מיט אַ מאָל.
זיי ווערען פאַרשוואונדען... דאַן קומען אַן נייע —
זיי זיינען, ווי שטערען אין הימעל, אָהן צאָל...

נאָר פּלוצלינג דערהערט זיך אַ שפּילען פון אָרגלען,
און טענער פון פידלען, אַ האַרפען געקלאַנג.
אַ כאָהר פון די טויזענטער שטימען עס זינגען
צוזאַמען אַ געטליכען, זיסען געזאַנג!...

דער צויבער פון קלאַנגען עס האָט דאָך פאַר'כשופ'ט
מיין בענקענדיג האַרץ וואָס ליידט אַזוי פיעל...
עס ווילט זיך פאַרשווינדען אַהין וואו די טענער
עס ווערען פאַרגאַנגען ווען זיי בלייבען שטיל...

עס ווערען מיט טרעהרען באַנעצט מיינע אויגען,
עס ווערט אַזוי גוט און עס וויינט זיך פון גליק!...
איך הויב אָן צו לויפען... מיך ציהט צו די טעמפּלען,
נאָר אימיצער האלט מיר פון לויפען צוריק...

„אַ, טרוימער, דו טרוימער, איך פיהל דיין נשמה,
איך ווייס וואָס עס טוט זיך אין הארצען ביי דיר...
דאָך איז ניט דערלויבט דיר געהן ווייטער פון דאַנען,
פארשלאָסען פאר „שטערבליכע״ בלייבט אָט די טיהר

„וואָס פיהרט צו דעם סוד פונ׳ם אייביגען לעבען,
אָט דאָרטען אין הימעל, אין גאָט׳ס לאַבירינט...
מען טאָר ניט דעם סוד נאָך דערוויילע אַנטפּלעקען,
פארבאָרגען מוז בלייבען דעם „שטערבליכען״ קינד —

„אָט יענע געהיימנים פון אייביגע פריידען,
וואָס איז נאָר פאר דיכטער, נביאים באַשערט,
און אויך אָט פאר די, וועלכע קעמפען פאר פרייהייט,
צו מאַכען דאָס לעבען דאָרט שעהן אויף דער ערד.

„איך האָב דיך דערפיהרט נאר ביז דאַנען צו ווייזען
אַ וועלט און אַ לעבען, וואָס איז אזוי שעהן...
פאר די, וועלכע זיינען זיך מקריב ביים לעבען —
און זוכען אין מענטשליכער פריידען אַ לוין...

„דאָס מענטשליכע בלוט ווערט אומזיסט ניט פארגאָסען,
עס לאָזט שטענדיג איבער אַ זכר... אַ פלעק...
עס בויט אוים אַ דענקמאָל אויף אייביגע יאָהרען —
און ווייזט אָן די מענטשען אַ בעסערען וועג...

„און קומען אַמאָל וועט אַ צייט וואָס וועט ווערען
ביי אייך אויף דער ערד אַ גן־עדן, ווי דאַ...
עס טראָגט זיך די צייט ווי אויף אדלערשע פליגעל,
עס קומט, עס ווערט נענטער די הערליכע שעה!...

„און דאַן וועלען דיכטער אייך זינגען אַ ניגון,
אַ ליעד, וואָס וועט ווערען אייך ליעב און באַקאַנט...
די ווערטער — זיי וועלען אייך דרינגען אין הארצען,
די ערד וועט דאַן ווערען פון טרוימען אַ לאַנד!

„איצט מוז איך צוריק דאָך פון דאַנען דיך פיהרען,
איצט קענסטו ניט לענגער מעהר בלייבען דאָ שטעהן...
איך האָב דיך דערפיהרט ביז צום טיהר פון די טעמפּלען,
און האָסטו פאַנטאַזיע — דערגעה עס אַליין"...

אזוי האָט נביאיש גערעדט צו מיר היינע,
און האָט מיך צוריק צו דעם טויער געבראַכט...
און פּלוצלינג איז אַלץ אַרום פינסטער געוואָרען,
איך האָב זיך פון מיינע חלומות דערוואַכט!...

עס וועבט זיך א חלום

צווייטער טהייל

„אָ, מעהר ווי יעדער גייסטליכער, נשמה מיינע, גלויבען מיר אין גאָט. אָבער מיט די סודות פון גאָט וואַגען מיר ניט צו שאַכערען"...

„איז דאס דעם נביא'ס געדאַנק וואָס איך רייד,
אָדער פלוידער איך גאָר?...
וואָס ווייס איך פון לעבען?... פון מיר אליין?...

—וואָלט וויטמאַן.

„אַ טויזענט יאָהר האָט די ערד געשריען: „וואו ביזטו?!"
און דערנאָך איז דער שאטען פון דיין קומען געפאלען"...

—פערסי ב. שעללי.

די פינסטערניש מעהרט זיך, דער שטורעם ווערט גרעסער,
אַ רעגען, אַ מבול, עס גיסט און עס גיסט.
עס האָבען די שדים זיך ווילד דאָרט צוהוליעט:
אַ תהו־ובוהו — זיי מאַכען אַלץ וויסט...

און איך האָב זיך ווידער פאַרטיפט אין רעיונות,
געזעהן אין פאַנטאַזיע: עס בויען זיך שטעדט.
פיעל באַהנען מיט שיפען צו רייזען אין לענדער,
אויך שוהלען און קירכען פאַר גאָטעס־געבעט...

ווי שוואַך איז דער מענטש נאָך אַליין זיך צו העלפען,
ער האָט פאַר זיין שמירה אַ גאָט זיך געמאַכט...
אַ גאָט וואָס עס זאָל נאָר פון בייז איהם באַהיטען,
אַ שומר איהם זיין ביים טאָג און ביי נאַכט...

דאָ האָבען זיך „קלוגע" באַנוצט מיט אַ מיטעל —
און אַלס די „פאַרטרעטער" פון גאָט זיך דערקלערט...
און וועה איז געווען צו די עהרליכע צווייפלער;
אויף זיי האָט געלויערט די תפיסה און שווערד!

אויך היינט איז דאָס צווייפלען אַ גרויסער פאַרברעכען,
געענדערט איז בלויז נאָר די שטראָף פון אַמאָל...
איינציגווייז פלעגט מען דאַן ברענען און בראָטען,
היינט אָבער דערשיסט מען צו הונדערט אין צאָל...

די „אַטאַ־דע־פע“ האָט איהר פאָרמע פאַרביטען,
עס איז פון אַמאָל ניט פאַרבליבען אַ שפור...
היינט האָבען מיר שווערדען, האַרמאַטען און ביקסען,
אַט דאָס איז דער עמבלעם פון אונזער קולטור!...

די „קעמפפער פאַר פרייהייט“ זיי בינדט מען אין קייטען,
מיט ג׳וואַלט ווערט פאַרשטיקט היינט די עהרליכע שטים.
און קין, ווי תמיד, שאַרפט צייהן אויף זיין ברודער —
און הבל איז אויך היינט ניט בעסער פון איהם...

.. ..

עס לאָזען ניט אָפּ מיך די שווערע רעיונות,
עס וויל מיך ניט הילען אין רוה איצט דער שלאָף...
און די פאַנטאַזיע זי טראָגט מיך אויף פליגעל,
עס ווירבלען זיך בילדער פאַר מיר אָהן אַ סוף...

און פלוצלינג דערזעה איך אַ פעלד גאָר אַ ברייטע,
און דאָרט, אויפ׳ן פעלד, אַ געפערליכע שלאַכט!...
אַן אילומינאַציע... עס ברענען פיעל לענדער...
עס פלאַקערט אַ פייער אין פינסטערער נאַכט!...

אויף פעלדער, וואו קאָרען עס זיינען געוואַקסען,
אין שטראַהלען געבאַדען, געצייטיגט אַ בלום.
אַט דאָרטען וואו טייכעלאַך זיינען געפלאָסען,
און שטיל איז געוועזען זיך אַלעם אַרום.

אַט דאָרט אויף די וועגען, אין שטילע פאַרנאַכטען,
דער מערב אַ רויטער פון זון־אונטערגאַנג;
ווען אומקערען פלעגט זיך דער פאַסטוך פון פעלדער,
באַטאָנט זיינע טריט האָט אַ זיסער געזאַנג...

אַמ דאָרטען וואו פויגעלאַך פלעגען שעהן טרעלען,
ווען ליעבענדע האָבען געוועבט זייער טרוים...
און שטענדיג דער הימעל ז׳געווען אזא קלאָרער,
לבנה און שטערען באַצירט האָבען רוים...

אַמ דאָרטען וואו אלץ האָט געאָטהעמט מיט יוגענט,
דאס לעבען פלעגט זינגען די ליעדער פון פרייד!...
פיעל שעהנע געביידעס, געריינגעלט מיט גערטנער,
און ווייט ארוים פעלדער מיט תבואה געזייהט...

די שעהנע סטאַטועס פון טייערסטען מאַרמאָר,
מיט אלערליי בלומען די לאַנדשאַפט פאַרזייהט.
אַך איצט איז פון אלעס ניטאָ מעהר קיין זכר:
דער גאָט פון מלחמה האָט פליגעל פאַרשפרייט!...

ניטאָ מעהר קיין קאָרען, עס וואַקסען קיין זאנגען,
די בלימעלע ליגט שוין צוטראָטען אין פעלד.
די טייכעלאַך פליסען מיט בלוטען אפולע —
עס קראַכען קאַנאָנען, עס ציטערט א וועלט!...

ניטאָ מעהר קיין שטילע, פאַרנאַכטיגע וועגען,
און פול איז דער מערב מיט פייער און רויך!
געטויט איז דער פאַסטוך, אין פעלד ליגט זיין קערפער,
עס לויערען קראָהען אַרום אין דער הויך!...

די פויגעלאַך טרעלען ניט מעהר פון די בוימער,
עס האָבען די ליעבסטע מיט וועה זיך צושיידט...
זי ליגט פון דעם בענקען פריהצייטיג אין קבר,
און ער ליגט געווים אויף אַ פעלד ערגעץ, טויט!...

די שטעדט ווערען חרוב, עס ברענען געביידעס,
אויף שטיקלאך צוברעקעלט די קינסטליכע ווערק...
די טויזענטער קערפערס, צוריסענע לעבענס,
עס ליגען אויף פעלדער, אין קופעס... אין בערג!...

עס זאמלען צונויף זיך אלמנות, יתומים,
זיי וויינען, זיי קלאגען און ברעכען די הענט...
די פנים׳ער בלאסע, מיט פינסטערע אויגען —
דארט שטעהען זיי הילפלאז צום הימעל געווענדט!

—„א, גאט פון די הימלען, זאג, וואו איז דיין רחמים?
צי קענסטו נאך שווייגען און צוזעהן דעם וועה...
עס ווערט דאך א וועלט אין א חורבה פארוואנדעלט,
זי שרייט דאך ארוים איצט איהר גוסס-געשריי״!...

נאר שטום בלייבט דער הימעל, עס ענטפערט ניט קיינער,
אומזיסט ווערען טרערען פארגאסען, אומזיסט!
דער „גאט דער גערעכטער" — איהם ארט ניט די מענטשען,
און איהם ארט ניט די וועלט זי זאל ווערען פארוויסט!...

ווי וואגט איהר איהם בעטען? ווי קען ער אייך העלפען,
ווען איהר אליין משפט מיט פייער און שווערד!
עס זיינען די הימלען פאר אייך איצט פארשלאסען,
און אייערע קולות — פון קיינעם געהערט!...

. . . .

נאר פלוצלינג דערזעה איך א בארג פון דער ווייטען,
און הויך אויפ׳ן בארג דארט א נביא בלייבט שטעהן.
ער קוקט אויף די חורבות און ס׳רייסט פון זיין הארצען
ארויס זיך א קללה... א ביטער געוויין...

TODROS
GELLER.

ער האָט זיינע הענט אין דער הויך אויפגעהויבען,
ווי מעכטיג זיין קול איז געוועזען, ווי שטאַרק.
די ווערטער — אַ לאַווע פון שרעקליכע קללות,
אזוי ווי אַ דונער וואָלט ברומען פון באַרג...

די אויגען — ווי בליצען... ווי פייער זיין פנים,
אַ שנאה אין הארצען, אַ שרעקליכער כעס!
אזוי איז געשטאַנען דער נביא פון צאָרן,
אין איהם האָט געברענט צו די מענטשען אַ האַס.

צו מענטשען וואָס האָבען אין וועלף זיך פאַרוואַנדעלט,
פיעל ווילדער פון טיגערס... און דומער פון פיה...
„אומזיסט איז מיין ארבייט" — האָט בייז ער געדונערט,
„אומזיסט, אַך אומזיסט איז געוועזען מיין מיה!

„זאָל קומען אַ דונער און זאָל אייך פאַרדאַרבען,
זאָל ברענען דער בליץ אייער חיה'שע זעל!
עס זאָל אייך דערגרייכען די קללה פון שטן,
פון אייערער ארבייט זאָל ווערען אַ תל!...

„און ווען איהר שוין פאַלען... דאַן זאָל נאָך דאס לעבען
אייך אויך ניט פאַרלאָזען אַזוי, מיט אַמאָל...
און ווילד זאָלט איהר שרייען נאָך הילף, אין דער גסיסה,
נאָר קיינער ניט הערען זאָל דאַן אייער קול!...

„און אייערע קערפּערס פאַרפוילט זאָלען ווערען,
און טויב זאָלט איהר ווערען פון אייגענעם גוואַלט!...
אזוי זאָלט איהר אויסגעהן אין טיעפע יסורים —
אַ, בייזע טייוואָלים אין מענטשען-געשטאַלט!...

„און זאָל זיך די ערד אין אַ גיהנום פאַרוואַנדלען,
די גאַסען — פאַר גיפטיגע שלאַנגען אַ נעסט!...
דער סם פון פגרים — קרבנות פון שקר,
פאַרגיפטיגען זאָל אייך די שרעקליכע „פעסט“!...

„דאָס ביסעל, וואָס וועלען פון „פעסט“ ניצול ווערען,
צו די, זאָל דער הונגער צו גאַסט קומען גלייך...
אַ, זאָל מיין נשמה ניט רוהען, ביז וואַנען
ניט בלייבען וועט מעהרער אַ זכר פון אייך!...

„איהר הויבט נאָך די הענט אויף צו גאָט אין אַ תפילה,
אַ, נידעריגע ווערים אָט דאָרט אויף דער ערד...
איהר שטרעקט נאָך איין האַנט אויס פאַר הילף פון דעם הימעל,
די אנדערע האַלט אַ פאַרבלוטיגטען שווערד!...

„אַ, גאָט פון די הימלען, פון דונערס און בליצען,
פון זונען און שטערען, פון וועלט־אַל און רוים...
אַ, דו, וועלכער ביזט סיי הויך אין די וואָלקענס,
און סיי אין דער נידער, אין עלישען תהום!...

„דו זאָלסט ניט פאַרנעמען די פאַלשע געבעטען,
זיי שטרעקען דיר הענט אויס פון מאָרד און פון רויב!...
אויף זייערע קעפּ שיק אַ פייער, אַ דונער,
און מאַך זיי צו אַש... גלייך צו ערדישער שטויב“!...

.. ..

און פּלוצלינג, אַ בליץ האָט דעם רוים ווי צוריסען,
עס האָט זיך דערהערט פון אַ דונער אַ קנאַל!...
און העכער פון דונער ט'אַ קול זיך געטראָגען,
און הילכיגער נאָך ווי קאַנאָנען־געשאַל!...

„אָ, נביא! שטיל איין אויף אַ רגע דיין צאָרן,
דיין קללה איז שרעקליך ווי העלישער תהום!...
דערשטיק ניט אין הארצען דיין ביסעל רחמנות,
ניט שטענדיג איז שולדיג דער גאַנצער המון...

„די פאַלשע נביאים, אַט זיי שיק דיין קללה,
אַט זיי, וועלכע נעמען פון פאָלק צו די מאַכט,
און פלעכטען איהם איין אין די נעצען פון פאַלשקייט,
און וואַרפען אריין איהם אין פינסטערער נאַכט!...

„אָ, זאָל ניט דיין קללה פון צאָרן דערגרייכען
אַט די, וועלכע זיינען פאַרשאָלטען ביז טויט...
אַט די, וואָס דאָס לעבען האָט גאָרניט געגעבען,
חוץ עלענט און ליידען און אייביגען נויט"!...

* * *

אזוי האָט געדונערט די געטליכע שטימע,
וואָס רופט צו די מענטשען אין נידער אראָפּ...
און אַט פאַר דעם בורא, דעם האַר פון די וועלטען,
ט'דער נביא געבויגען זיין אַלט-גרויע קאָפּ...

„אָ, ניין, ניט מיט בייזען וועט ווערען אַלץ אַנדערש,
די קללות פון האַס איז פיעל ערגער פון שווערד...
נאָר ליעבע און גלויבען, און אמת'ע פריינדשאַפט —
שעהנער קען מאַכען דאָס לעבען אויף דר'ערד"!
.. ..

ווי געטליכע קלאַנגען, סימפאָנישע טענער,
אזוי איז געוואָרען דעם נביא'ס קול ווייך...
די האַרץ פון אַ נביא איז שטענדיג צוריסען,
זיין פּנים פול קנייטשען איז אַלעמאָל בלייך...

נאָר איצט איז פיעל ליעבער געוואָרען זיין פּנים,
ניטאָ שוין דער כעס און פון צאָרן דער בליק...
אין הארצען, ביי איהם, האָט דער חלום פון יוגענט
אויפ'סניי' אויסגעשפּונען דאָס מענטשליכע גליק!...

זיין קול איז געוואָרען אלץ צאַרטער און ווייכער,
די ווערטער — זיי האָבען געצערטעלט, געגלעט...
מלאכים — די שירה זיי זינגען ניט שעהנער,
אזוי האָט דער נביא מיט ליעבע גערעדט: —

„ס'וועט קומען אַ צייט נאָך, איהר קינדער־פון־אדם,
פארגעהן וועט די פיין דאָן וואָס האָט אייך געקוועלט...
אָט הויבט זיך דער פאָרהאנג — פארהוילענע צוקונפט,
און זעהט, אָ, ווי שעהן, ס'וועט זיין אייער וועלט“...

עס האָט זיך באוויזען אַ גארטען אַ שעהנער,
געביידעס פון מארמאָר דאָרט גאָר אָהן אַ צאָהל
עס האָט זיך ארום זיי געשלענגעלט אַ טייכעל,
אַ וואסער אַ קלאָרעס ווי ריינעס קריסטאָל...

די גאסען די ברייטע מיט צעמענט געפלאַסטערט,
און פאַלמען מיט בלומען געפלאַנצט ביי דער זייט.
עס געהען געאָרעמט חברים צוזאמען,
עס טראָגען זיך קלאַנגען אָהער פון דער ווייט...

עס ברענען פיעל לאָמפּען, עס גיסען זיך ליכטער,
און אַלעס דאָרט טונקט זיך אין רייכסטען קאָליר...
עס שימערט אַ טייכעל אין שיין פון לבנה,
עס צערטעלט אַ ווינטעל מיט איטליכען ריהר...

עס שטעהען סטאַטועז, עס שפּריצען פאָנטאַנען,
און בלימעלאַך בליהען פון יעדער קאָליר.
עס פלאַטערען פאַהנען מיט שטאָלץ אויף די טעמפּלען,
פון פעדים געוועבט אין אַ גאָלדענעם ציר...

עס טראָגט זיך אין לופטען אַ ריח פון בשמים,
אַ ריח פון אלץ, וואָס אין גאָרטען נאָר בליהט...
עס מישען זיך ריחות און קלאַנגען צוזאַמען
מיט טענער וואָס זינגען פון פרייהייט אַ ליעד!...

עס האָט זיך באַוויזען אַ גרופּע מיט מענטשען,
אָט קומען זיי נעהנטער, אלץ נעהנטער אַהער...
און אלע זיי זיינען דאָרט לוסטיג און פרעהלאַך:
ניטאָ שוין קיין דאגות, קיין עלענט ניט מעהר...

מען האלזט זיך, מען קושט זיך און אלע צוזאַמען
זיי זיינען באַזעעלט מיט דעם הערליכסטען גליק...
און טאַנצענדיג זינגט מען... אַ ליעד איז דאָס לעבען,
מען באָדט זיך אין קלאַנגען פון זיסער מוזיק!...

.. ..

די בילדער, זיי זיינען אין נעבעל פאַרשוואונדען,
פאַרשטילט איז געוואָרען געזאַנג און מוזיק...
אראָפּ איז דער נביא פון באַרג צו די מענטשען,
אין „אנדערער" איז ער געקומען צוריק...

דאָס פּנים אָהן קנייטשען, מיט ליעבע אין הארצען,
און אַנדערש אפילו ז'געוואָרען זיין קול...
אַראָפּ איז דער נביא די מענטשען צו העלפען,
צו טרייסטען די עלענדע קינדער פון טאָל: —

„ניט אייביג וועט הערשען די מאַכט פון די הערשער,
ניט אייביג וועט הענגען אַ פינסטערע נאַכט...
אַ לעבען פון עלענט פאַר מענטשען וואָס שאַפען
פאַר יענעם פּאַלאַצען צו לעבען אין פּראַכט"...

אזוי רעדט דער נביא און מוטהיגט די שאַפער,
און מאַהלט זיי דעם חלום וואָס וועט ניט פארגעהן...
אַ וועלט פול מיט ליעבע, פון אייביגער יוגענט —
אַ לעבען — וואו אלץ וועט זיין הערליך און שעהן!

.. ..

עס טרעפען מאָמענטען אין לעבען פון מענטשען,
מען ווערט ווי דערהויבען און הייליג באַזעעלט...
עס פליהען געדאנקען ווייט, הויך אין די הימלען,
עס ציהט צו אַ העכערער, שעהנערער וועלט!...

.. ..
.. ..

פון פרעמדע שפראכן

לואיס דע קאמאנש:

אויפ'ן טויט פון קאַטערינא דע אטהאַידע

אָ, עדעלע נשמה, דו, וועלכע האָסט פון מיר זיך אָפּגעשיידט
אזוי גיך, אַ נישט צופרידענע פון אָט דער פוסטער וועלט;
רוה, ליעבענקע, אין דיין אייביג-אָרט, אין הימלישען געצעלט,—
בעט איך לעב נאָך מיט מיין צער און בעט אויף זיך דעם טויט.
און דאָרט ביים גרויסען טראָן, אויף אַ גאָלד'נעם שטול,
וואו דו זיצסט אַצינד אין רוה, פאַרגעסען אַלעם ווערט...
דערום בעט איך דיך מיט טרעהרען, אויב בעטען ווערט געהערט,
פאַרגעסען זאָלסטו נית מיין ליעבע, וואָס איז מיט טרויער פול...
אָ, נשמה, אויב אין דיינע אויגען בין איך עטוואָס ווערט
פאַר מיין נית פאַרהיילטען שמערץ אויף דיין פריהען טויט,
דאַן זאָל כאָטש מיין פאַרלאַנג פון דיר ווערען אויסגעהערט:
אָ, בעט צו איהם, וואָס האָט אונז ביידען פריה צושיידט,
ער זאָל מיין לעבען וועלכעס צאַנקט דאָ אויף דער ערד,
צונעמען וואָס שנעלער, אַהין, צו דיר, מיין פרייד...

לואיס דע קאמאנש:

וואס קאן די וועלט מיר געבען

וואס קאן נאך אט די וועלט אצינד מיך געבען,
ווען מיין ליעבסטע איז ניטא דא מעהר.
אויסגעטריקענט ווערט ניט פון מיין אויג די טרעהר,
און טריפען וועט זי שוין דאס גאנצע לעבען...
פונ'ם לעבען וועט מיין לעבען זאט ניט זיין,
כ'וויים מען שטארבט ניט פון דעם טיעפסטען וועה.
ס'איז באשערט מיר שוין צו לעבען אט אזוי
אין יסורים גרויסע מיט מיין צער און פיין.
ווי אומבאמערקט געהט מיך פארביי דער טויט,
ער זוכט זיין קרבן ערגעץ אנדערש אום;
אין דעם שטילען טראט דערפיהל איך אז ער געהט
צוריק פון ערגעץ וואו און טראגט זיין קרבן שטום,
מיך דאך לאזט ער לעבען, מיך, וואס איך בין גרייט
גלייך נאכצוגעהן נאך איהם, ווי נאר ער זאגט מיר, „קום"...

היינריך היינע:

די לאָרעליי

איך ווייס ניט וואָס זאָל עס באַטייטען,
מיין טרויער ער איז אַזוי גרוים...
אַ מעשה פון גאָר אַלטע צייטען —
מיר געהט ניט פון זינען אַרוים...

די לופט אַזוי קיהל און עס טונקעלט,
ווי רוהיג עס פליסט זיך דער רהיין.
דער שפּיץ פון דעם באַרג אויבען פינקעלט —
אין ליכט פון פאַרנאַכטיגען שיין.

די שעהנסטע פרוי זעהט מען דאָרט זיצען,
זי זעהט דאָרט אוים וואונדערלאַך גאָר;
די גאָלדענע ציהרונגען בליצען —
זי קעמט איהרע גאָלדענע האָר...

מיט גאָלד־קאַם די האָר קעמט זי איהרע,
דערביי אויך אַ ליעד פאַר זיך זינגט...
איהר שטימע — דער קלאַנג פון אַ לירע,
פול צויבער דער ניגון ווי קלינגט...

דער שיפער אין שיפעל אין קליינעם,
באַמערקט האָט דער לאָרעליי גלייך...
איהם אַרט ניט, ער זאָרגט ניט פאַר קיינעם —
ער זעהט ניט די פעלזען אין טייך...

עס האָבען די כוואַליעס פאַרשלונגען
דעם שיפער און שיפעל מיט איהם...
די לאָרעליי ט'רייצענד געזונגען —
זי האָט איהם פאַרפיהרט מיט איהר שטים...

יונאס טיעטושענס:

ווינטער־רעגען

ווינטער איז צוריק געקומען,
און דער מילדער זומער־רעגען
האט זיך אין א שניי פארוואנדעלט.
— ס'רוהט דער טויט אויף אלע וועגען,—
ליעבע מיינע...

האב איך ליעבע טיעף באגראבען,
איהרע וועגען בלויז באטריגען...
טיעף באגראבען אין א קבר
דארטען זאל זי בלייבען ליגען, —
הארץ דו מיינס...

כאטש איך האב זי טיעף באגראבען,
און קיין וועג געלאזען אפען,
און באפוצט דאס ארט מיט בלומען,
קען זי דאך נים רוהיג שלאפען, —
זעלע מיינע...

און די ווינטער־רעגען טראפענס,
טיעף אין קבר, אין דער נידער,
טריפען, טריפען דארט אהן אויפהער,
ביז די ליעבע בליהט אויף ווידער, —
לעבען מיינס!...

סאַרא טיזרעל:

דער קוש

אז ער ליעבט מיך בין איך זיכער,
אַ קוש געגעבען און אַוועק...
יאָ, איך בין אַ קראַנקער פויגעל,
וועלכע זוכט ארום אַ ברעג.

אַז ער ליעבט מיך בין איך זיכער,
עס רוהט ניט מעהר מיין הארץ ביי נאַכט...
עס האָט דער קוש ניט אַזאַ צויבער
ווי דער טרוים — פון איהם געבראַכט...

דיין קול

כ'האָב געהערט אַ קול אין דער נאַכט,
פאַר טויזענטער מייל אין דער לופט.
באַקאַנט איז דאָס קול און מיר דאַכט
ווי אימעץ מיין נאָמען עס רופט.

געהערט האָט דיין קול זיך פון דאָרט:
„איך ליעב דיך, מיין ליעבענקע, היים,"...
און איך האָב געענטפערט מיין וואָרט:
„איך ווייס עס, מיין ליעבער, איך ווייס"...

נחמה קרופ:

דער סוד.

ס׳ברענט א לעמפעל אין מיין צימער,
שאָטענס אויף די ווענט און דיל.
אין מיין הארצען קלאפּט א זייגער —
כ׳הער דעם טיק־טאק אין דער שטיל.

נאכט און פינסטער, טיעפער שאָטען,
נאר פון שניי איז ווייס די ערד.
ערגעץ פון דער ווייטער ווייטקייט
גלאָקען קלאנגען ווערט געהערט.

אהן אן אויפהער אָט דאָס קלינגען
ברעכט זיך דורך דער ווינטער־לופט.
און דאָס עכאָ חזר׳ט איבער,—
דוכט זיך אוים א שטימע רופט.

און דער ווייטער קלאנג פון גלאָקען
אין פאנטאזיע טראָגט אוועק.
טענער דרינגען טיעף אין הארצען,
איבער אלעם לויערט שרעק...

א, וואָס הער איך אין דעם עכאָ,
אינ׳ם מורא׳דיגען קלונג,
זיפצט דאָס וואו אזוי א לעבען
פון דער וועלט אוועק צו יונג?...

וואָס קען איצט די נאכט דערצעהלען,
און דאָס עכאָ וואָס באדייט?...
וואָרפען גייסטער צויבער־נעצען,
גאָר ווי אין דער אלטער צייט?...

ווען דער מענטש ניט וויסן קיינמאָל
אָט דעם זעהר טיעפען סוד?...
אפשר בלאָנדזשעט אַ נשמה,
אַ פאַרשאָלטענע פון גאָט?...

און זי דאַרף נאָך יאָהרען בלאָנדזשען,
אַ פאַרלאָז'נע אויף דער ערד.
ביז זי ווערט אַ מלאך ווידער
און צו גאָט צוריק זיך קעהרט...

נאָר דערווייל מוז זי וואַנדלען,
און זי בלאָנדזשעט דאָ ארום.
ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ שאָטען,
און פאַרשפּרייט זיך אומעטום...

פליהט אמאָל אריין אין שטורעם —
ווײַנט דערפאַר אזוי דער ווינט...
און אמאָל זי כאַפּט אריין זיך
אין אַ ניי־געבאָרען־קינד.

אפשר איז דאָס אַלץ פאַנטאַזיע
וואָס דער מענטש האָט אויסגעטראַכט?...
וואָס דערצעהלען זיי, די עכאָס
אין דער טיעפער, ווינטער־נאַכט?...

זיינען איהר גייסטער, צי נשמות
האָט פאַרשאָלטען אייך אַ גאָט?!...
ווען מענטשען קיינמאָל וויסען,
קיינמאָל ניט פאַרשטעהן דעם סוד?!...

אַלטער בראַדי:

רוסלאַנד 1917

רוסלאַנד! רוסלאַנד!
זיסע, אומגעהויער שטאַרק אַקסעלדיגע רוסלאַנד,
מיט דער צאַרטער נשמה און איינפאַכע, לוסטיגלאַזע האַרץ —
איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז איך האָב דיך געליעבט
ביז איצט — דיין טאָג פון אמת,
ווען דיין נשמה האָט דורכגעשיינט דורך די שווערע קייטען
וועלכע האָבען דיך געבונדען
און זיי צושמאָלצען ווי פייער;
צושמאָלצען דעם קעניג׳ס קרוין אויף דיין קאָפּ,
צושמאָלצען דעם פּריעסטערס צלם אין דיין האַנד;
אַראָבגעצויגען די שוואַרצע קליידער פון אַרום דיינע גליעדער;
און דו האָסט זיך אַוועקגעשטעלט צווישען די פעלקער,
נאַקעט און שעהן,
אונשולדיג,
ווי טיראַניי וואָלט דיר קיינמאָל ניט באַריהרט.
אָ, ווי איך האָב דיך דאַן באַאָבאַכטעט!
ווי איך האָב געקוקט אויף דיין שעהנקייט,
אויסגעטהאָן אָם ענדע . . .

צערטליך, עהרווירדיג,
ווי איך קוק אויף דעם קערפּער פון מיין אייגענער ליעבע.
נאָר, ווען דו האָסט אויפגעהויבען פון דער ערד
דעם געפאַלענעם פאַקעל פון פרייהייט,
און עס הויך דערהויבען,
די גאַנצע וועלט זאָל עס זעהן —
דאַן איז מיין צאַרטקייט געוואָרען ליידענשאַפט,
און מיין עהרווירדיגקייט — שטאַרקער פאַרלאַנג. . .
און איך האָב געוואוסט, אַז איך בין געווען דיינער און דו
— מיינע,
מוטער און ליעבסטע, חברה פון מיין נשמה!

רוסלאַנד! רוסלאַנד!
דריק מיך צוריק צו דיין הארצען;
מיט דיינע מעכטיגע אָרעמס נעהם מיך אַרום
אַז איך זאָל זיי דערפיהלען און זיכער זיין
אַז דו האָסט מיר פאַרגעבען;
כ׳האָב אַ גרויסע זינד געגען דיר באַגאַנגען —
פאַרגיב מיר;
איך האָב דיך ניט געקענט,
איך האָב מורא געהאַט פאַר דיר,
צוליעב דעם קעניג׳ס קרוין וואָס דו האָסט געטראָגען
און דעם פריסטער׳ס צלם וואָס דו האָסט געהאַלטען
און די שוואַרצע קליידער, וועלכע האָבען איינגעוויקעלט
דיינע גליעדער —
איך בין פון דיר אַנטלאָפען
צו אַ פרעמדע לאַנד איבער אַ ים;
איך האָב איהר שפּראַך געלערענט און פאַרגעסען
דיין געזיכט;
איהרע געדאַנקען זיינען מיינע געוואָרען,
איך האָב איהרע ליעדער געזונגען;
און אין דיין שעה פון משפט בין איך ווייט פון דיר געוועזען
אַנטהייל צו נעהמען אין דיינע געדאַנקען,
דיינע ליעדער צו זינגען
און צו קעמפפען אין דיין קאַמפף —
פאַרגיב מיר!
איך האָב ניט געזעהן דעם שעהנעם קערפּער אין זיי,
און דער דיאַדעם האָט פאַרבלענדט מיינע אויגען
פון דיין געזיכט —

איצט ווייס איך,
איצט זעה איך!
איך וועל פליהען צו דיר
און דיר העלפען האלטען הויך אין דיינע ארעמס
דעם פאקעל פון דער ניי־געבארענער פרייהייט
וועלכע דו האלסט פאר דער וועלט.
איך וועל דיין שפראך לערנען, אין דיינע וועגען געהן,
און וועל אויסאטהעמען אויף דיינע סטעפעס און וועלדער
ניו־יארק׳ס פיבער און שטויב —
טורגעניעוו, טאלסטאי, דאסטאיעווסקי, גארקי,
טשעכאוו, אנדרעיעוו, פושקין,
די נשמות פון דיינע לעבעדיגע, גרויסע,
די אונשטערבליכע —
איך וועל ביי זייערע פיס זיצען און פון זיי לערנען
ווי דיך צו ליעבען!
איך וועל באאבאכטען זייערע ליפען און
נאכפאלגען זייערע אויגען;
און אפשר,
אויב איך וועל באווייזען
אז איך בין ווערט צו ליעבען,
וועל איך צוגעלאזען ווערען צום טיש
אלס געהארכזאמער גאסט.

שיקאגא

פריי באארבייט נאכ'ן ענגלישען.

מיין יוגענט־פריינט ה. ב. ריטמאַן

מוטער, מוטער און קעניגין, שעהנע שטאַרקע און שטענדיג
וואַכענדע, רייך אין מוטערשאַפט'ס רייכקייט,
אין פלייסיגע קינדער און קלוגע דערצו.
ביזט געקליידעט ווי מעכטיגע זיינען געקליידעט:
מיט הימעל־בלוי און טונקעל־פאַרב קאָליר באַצירט.
וואונדערבאַרע וואַסערען רינגלען דיך אַרום
און שפּיגלען אָפּ דיין שוואַר־פאַרהאַרעוועטען הימעל!
ביזט באַשענקט מיט שעהנקייט דו זאָלסט קענען
דיינע מענטשען־קינדער זעטיגען.

ביזט ליעבליך ווי די ליעבע פון אַ יונגער מאַמע
צו איהר ערשט־געבאָרענער עופ'עלע
וואָס זי האַלט ציטערענדיג אין איהרע אָרעמס.
ביזט מיט זעלטען־שעהנע אויפגאַבען באַ'חן'ט,
מיסטיש און בענקענד ווי אין טרוימען געהילט,
מיט נאָבעלע אידעאַלען און צערטליכקייט!

קעניגליך איז דיין קעניגרייך און געזיכערט
איבער אַן אומבאַגרענעצטע ספערע.
פאַבריקען, מערק, פּאַלאַצען, שפּיל־פּלעצער
און ברייטע גאַסען;
אַרומגערינגעלט מיט אַ ים פון פּרייעריס,
באַגאַסען פון טויזענדער ליכטער און שטראַהלען, ווי די זון
אין מיטען זומער ווען זי געוועלטיגט.
לאַנגע בייטען מיט זאַנגען, ווי גאָלדענע כוואַליעס
שאָקלען זיך גראַציעז הין און הער, אַזוי שעהן!

רייך ביזטו אין קינדער, וועלכע זיינען פון אלע וועלט-טיילען
צו דיר געקומען.
געפיהרט פון ריינעם-פארנונפט, מיט מאזאליעם אויף די הענט,
צאהלרייך, שטארק אין זייער מאנשאפט
זיינען זיי אהער געקומען באפעסטיגען זייער שטאנד.
פריי פון פוילענצעריי, אויפגעבלאזענקייט זיינען דיינע קינדער,
די ליעבהאבער פון פרייהייט!

פאר'חלום'ט זיצסטו ביי דיין וואסער, דו שעהנע און ליעבע,
וויאלעט-בלאה, ווי בורשטיין אין שימער,
באגרענעצט מיט העלפאנטביין-שוים און טרוימסט אוועק ווייט,
דארט וואו דער פאטער פון אלע וואסערען ווערט
מיט'ןווירבעל שטראם פארטראגען
אין תהום.
אין בוכט פון סאפיר-שטיין קאליר —
און אלע באאבאכטען דיין טראן און אונזער היים!

און דאך ביזטו אזוי בלינד פארפיהרט געווארען,
דו, וועלכע איז באקרוינט מיט דאס שעהנסטע פון דער ערד;
ערשטוינענדע קאלירען און מוזיק, קונסט געשאפען פון דיין
לוסטיגקייט און פרייד!
דו ווערסט פון דיינע קינדער, די ליעבהאבער פון פרייהייט, דערווייטערט,
אנשטאט לוסטיגקייט און פרייד פילסטו אן זייערע הערצער
מיט ביטערקייט און צארען!
געארעמט געהסטו מיט די, וועלכע זיינען פאלש צו דיר,
און דו אליין העלפסט זיי צו פארניכטען דאס שעהנע,
דאס ערהאבענע אין דיר,
זאלסט ווערען צו שאנד און שפאט אין די אויגען פון דער וועלט.

אָ, דו, וועלכע האָט די קראַפט און צויבער דיינע מענטשען־קינדער
אין ברידער פאַרוואַנדלען!

אָ, גרויסע שטאָדט פון טרוימען!
זאָל גערעכטיגקייט דיין שווערד זיין און ליכט — דיין שטערען;
דו שעהנע, שטאַרקע און וואַכענדע, אַ געטין אין דיין צוועק
און אויסזעהן!
היט דעם מזבח פון אַמעריקאַ׳ס פרייהייט,
דאָ האָסטו דרייסטע הערצער, בראַווע נשמות,
מיר וועלען דיך ניט פאַרלאָזען, מוטער,
טייערע מוטער און קעניגין!

קארל סאַנדבורג — קאַרלטאָן לאַרענס עדהאַלם:

דער שיקאַגאָ'ר טייך

זיי האָבען מיך אַרומגערינגעלט מיט בריקען,
טונעלען אונטערגעגראָבען אונטער מיר!
אונאויפהערליך, אונרוהענד,
סײַ ביי טאָג און סײַ ביי נאַכט,
ליאַרעמט דער פערקעהר אויף מיר,
און מיין אַרויפקוקען צו דעם גליקליכען הימעל
איז פאַרשטעלט מיט סקווער־באַלקאָנען, טעלעגראַף־סלופּען,
און אַנקער שטריק.
מיינע ברעגען האָבען זיי מיט דעקען ענג פאַרצאַמט,
אונערביטערליך אַרומגעזוימט.
געדאַנקלאָז.
דורכ'ן שוועבענדען שטיקענדען רויך
קוקט די זון אויף מיר אַראָפּ
ווי מיט דונקעל־טריעפענדע אויגען פון אַן אַלטען,
אַלטען מאַן.
קיין פאַרוואָרפענע קאַנאַווע ערגעץ־וואו
פאַראונרייניגט — אינערליך און — אויסערליך!
איז ניט אַזוי אונריין און באַשמוצט ווי איך,

אָבער אויף מיין פאַרפענטעטער ברוסט טראָג איך
קאָרן און אייזען, האָלץ און קויהלען,
די קליינע קינדערלאַך פון אינדיען עסען פון מיין ווייץ;
מיין האָלץ באַשיצט די שוצלאָזע פון מעסינאַ;
צעהן מיליאָן רעדער באַוועגען זיך אין שוואונג
פון מיינע קויהלען;
די לאַסט פון אייזען אויף מיר איז צו מאַכען
מאַשינען און ווערקצייג,
פאַר דער פאַרבעסערונג פון דעם אַרבייטס־מאַן!

אָ, וועלכער זינגער קען מיך באַזינגען כאָטש אין איין ליעד?
דער האַדסאָן, דער רהיין, דער דונאַי, דער נילוס,
אַט די אַלע האָבען זייערע דיכטער,
ווי שעהנע פרויענצימער זייערע געליעבטע,
אַרומגרינגעלט מיט וויין-פּלאַנטאַציעס און מאַיעסטעטישע
גערטנער,
שלעסער, פּאַלאַצען און טעמפּלען זיינען
זייער ציערונג.
און דערפאַר
געהערט זיי דאָס ליעד פון לויב!
אָבער איך,
פאַרשמוצט בין איך און האַלב-געזאַלצען
ווי דער שוויס אויף'ן שטערן פון אַן אַרבייטס-מאַן!
אָבער די גרויסע שיפען וועלכע וויגען זיך
אויף מיין ברוסט,
זיינען ווי אייזערנע מעדאַלען, מיט די ווערטער
אויסגעקריצט:
„צוליעב גוטע צוועקען"
און אין דעם אַליין ליגט מיין רוהם:
איך שאַף, איך פּראָדוציר!

זשאַקאָמאָ לעאָפּאַרדי:

נאַכט געזאַנג פון אַ פּאַסטוך אין אַזיען

וואָס טוסטו דאָרט אין הימעל, אָ, לבנה?
זאָג מיר, שטילע לבנה, וואָס דו טוסט?
דו קומסט אַרויס ווען נאַכט פאַלט צו,
צו וואַנדערען אויף דיין וועג
איבער אַן איינזאַמען מדבר וואו נאָר עס פאַלט דיין בליק;
נאָכדעם קערסטו זיך אום צוריק
און געהסט שטיל אַוועק אין דיין רוה.

דו ביזט נאָך אַלץ ניט מיעד
דורכצוקרייצען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל
דיזעלבע וועגען איבער באַרג און טהאָל.
צי איז נאָך ביי דיר דער פאַרלאַנג אַזוי שטאַרק
צו באַטראַכטען דיזעלבע שטרעקען
איבער פעלד, טהאָל און באַרג?
אָ, גלייך צו דיין לעבען איז מיינער,
דער אָרימער פאַסטוך לעבען, —
מיט׳ן ערשטען מאָרגען-שטראהל
איז ער שוין וואך
און טרייבט זיין סטאַדע שוין אין פעלד
צו פּאַשען, אָנצוטרינקען ביי אַ קוואַל,

און אַך —
דיזעלבע סטאַדע, קוואַל און גראָז,
דיזעלבעביידעל, רות־געצעלט,
וואו ער לעגט זיך צו אין אָבענד רוהען
אָהן האָפפנונג פאַר עפּעס וואָס...
זאָג מיר, לבנה, וואָס באַטייט זיין לעבען פאַר איהם,
— און דיין לעבען פאַר דיר?
זאָג, וואו צילט מיין קורצעס לעבען
וואס מאַכט באַלד אויף אייביג זיינע אויגען צו;
און דיין אונשטערבליכער וואַנדערען
וואָס ווייס קיין אָפּשטעל ניט, קיין רוה?

אַן אַלטער מאַן, גרוי, און שוואַך,
האַלב נאַקעט, באָרוועס און די פּלייצע
איינגעבויגען פון שווערען יאָך.
איבער באַרג און טהאָל, ווי שווער דער וועג:
שאַרפע פעלזען, דערנער און טיעפער זאַמד,
אין ווינט און שטורעם און אין הייסע טעג,
ווינטער — אין די גרעסטע פרעסט.
ניט ער טרינקט און ניט ער עסט,
נאַר אָהן אַן אָטהעם
איילט ער זיך און געהט און געהט
דורך וואַסער־פאַלען, זומפּען, בלאַטעס,
אַט פאַלט ער אום און ליגט ווי טויט,
שטעלט זיך אויף און וואַנדערט ווייטער.
אָפּגעריסען און צובלוטיגט,
די האַרטע ערד פון הונגער קייט ער.

ניט געטרייסט און ניט געמוטיגט
דערגרייכט ער סוף כל סוף דאָס אָרט
וואו עס ענדיגט זיך דער וועג
וואָס פירט דעם מענטשען צו זיין ציל —
אהין, אין יענעם טיעפען אָפּגרונט דאָרט,
צום גרויסען סוף, צום טיעפען עק,
וואו ער בלייבט אויף שטענדיג שטיל. . .
אין פאַרגעסענהייט אויף אייביג לאַנג!
אָט אזוי, לבנה,
איז דעם מענטשענס לעבענס-גאַנג...

צוליידען איז דער מענטש געבאָרען,
און געבורט פיהרט דאָך צום טויט.
פון זיין פריהסטע צייט ביז ווייטער, ווייטער
ווייס ער נאָר פון פיין און נויט,
טאַטע-מאַמע טוען אַלעס איהם צו לינדערען
אין זיין אונגליק, וואָס זיי האָבען איהם געבאָרען.
און, אַז ער לעבט און ווערט שוין גרויס,
איז, מיט שווערער מיה, מיט ביטערען שווייס,
ביז די כוחות געהען אויס, —
ארבעטען זיי נאָך אַלץ פאַר איהם,
די לאַסט פון לעבען איהם מאַכען לייכט,
עס זאָל איהם ניט ווי זיי זיין שווער,
וואָס קענען עלטערען טהאָן נאָך מעהר?
(אָ, וואָלטען זיי דעם ציל ערייכט?...)

וואָרום ברענגט מען איהם גאָר אויף דער וועלט,
צו וואָס דערציהען איהם מיט וועה,
ווען דאָס לעבען איז טרויעריג אזוי
און פון ליידען צוזאמענגעשטעלט?
אָ, לבנה, דו אומבאפלעקטע אויבען אין דיין קעניגרייך,
אָט אזוי איז דאָס לעבען פון שטערבליכען
דאָ, אויף דער ערד.
אָבער דו ביזט דאָך אונשטערבליך,
יאָהרען טויזענטער אלט;
דערום ווערסטו צו מיין שיקזאל
בלייבען גלייכגילטיג און קאלט...

און דאָך, דו אייביגע, איינזאמע וואנדערין,
וואָס קוקט מיט אויפמערקזאמקייט אראָפּ
אויף אונזער נישטיגדיגער ערד.
אפשר פאַרשטעהסטו אָט דעם סוד:
וואָס באַטייט דעם מענטשענס ליידען,
און ווען ער שטאַרבט, וואָס פון איהם ווערט?
אָ, וואָס איז טויט וואָס וויל איהם ניט מיידען,
רויבט זיין לעבען צו, דאָס בעסטע וואָס ער האָט?
ער פאַרלירט פון דער וועלט אלעס
וואָס איהם איז ליעב אזוי און נאָהנט:
ברידער, שוועסטער, קרובים און אלע גוטע פריינט,
געזיכטער אלץ אָזעלכע, איהם אזוי גוט באַקאַנט,
פינסטער ווערט ארום איהם וואו פריהער האָט געשיינט.
אָ, דו מוזט דאָך פאַרשטעהן די אורזאכען פון דעם, געוויס.

דו זעהסט דאָך דאָס גוטע וואָס דער מאָרגען
מיט דעם אָבענד ברענגען דאָ.
דו ווייסט דאָך וואָס ליעבע איז
ווען זי קומט אין פריהלינג מיט איהר זיסען שמייכעל,
און די ליעבליכקייט פון אַ זומערס שעה,
און דעם ווינטערס פראָסט און שניי.
אויך פון דער שטילער אונענדליכער צייט,
וואָס פליסט פון און צו דער אייביגקייט —
און שלינגט אלץ איין אין איהר געדריי...
טויזענטער זאכען ווייסטו און טויזענטער זאַכען
קענסטו דערקלערען אַזוי איינפאַך און גראַד...
ווען פאַר מיר, דעם פשוט'ען פאַסטוך,
בלייבט עס אַלץ אַן אייביגער סוד...

און אָפטמאָל ווען איך קוק אויף דיר און דו
שטעהענדיג אַזוי דאָרט אויבען
איבער דער ווילדער וויסטעניש שטיל אין רוה,
און ווען וועמעס ווייטע קרייז־ליניע זוימט אַרום דעם הימעל,
אָדער, אַז דו פאָלגסט מיך נאָך ווען איך,
מיט זעהר לאַנגזאַמע טריט
טרייב מיין סטאַדע אין פאַראוים;
און איך קוק אויף די מיליאָנען שטערען און זעה דיך,
שווימענדיג, אַ בלאַסע, אין דער מיט
אַזוי ליכטיג, ערהאַבען און גרוים!
דאַן ערוועקען זיך אין מיר געדאַנקען און איך פרעג:
„פאַרוואָס לייכטען אַט די צאָהלרייכע פאַקעלען ?
וואָס באַטייט די גרונטלאָזע טיעפעניש פון רוים,
יענער ווייטער אומבאַגרייפליכער וועג,
און די איינזאַמע נאַכטיגע שעה
וואָס ציהט זיך ווי אַ שטילער טרוים,
און ווער בין איך, אַט דאָ" ? ...

אזוי שטעה איך און רעד צו זיך אליין,
און פרעג נאך אלץ די זעלבע פראגע,
וואס עס קען דעם מענטשענס שכל ניט פארשטעהן.
וואו איז דער גרעניץ פון דעם גלאריייכען אוניווערסום,
און די, אהן א צאהל לעבעדיגע פלאנעטען דארט?
וואס איז אט די מעכטיגע אומבאוואוסטע קראפט
וואס באוועגט אלץ אין דעם הימעל
און אויך אונטען אויף דער ערד,
און אונאויפהערליך שאפט און שאפט?
עס ווייסט ניט קיינמאל פון קיין רוה,
און אלעם וואס עס ווידערהאלט זיך
ווערט צוריק פארשוואונדען וואו, —
צו דעם זעלביגען פלאץ מסתם,
צוריק צום מקור צו,
אין דעם אייביגען אונענדליכען וועלט-אל-ים.
און אין דעם אלעם, אך, געפין איך ניט
קיין סוף, קיין ציל!...
אבער דו, אונשטערבליכע, דו ווייסט דאך אלץ, געוויס.
נאר דאס ווייס איך יא און פיהל,
אז די אייביגע באוועגונג איז
דעם לעבענ׳ס שטענדיגער געדריי...
און אויב אנדערע האבען אין לעבען לוסט און פרייד,
און טאנצען אום ווי פליגעלאך אין ווירבעל פון זונען-שיין,
און קימערען זיך ווייניג וואס, צי דער טויט
לויערט איבער זיי...
— און פאלען דאך צום סוף אין זיין נעץ אריין.
דאך איז פאר מיר, דעם שוואכען מענטש,
דאס לעבען א קייט פון צער און וועה...

א, ליעבע סטאדע מיינע, וואס רוהט אזוי שטיל,
ווי גליקליך דו ביזט, אויב
דו פיהלסט ניט דיין אונגליק, ווי איך גלויב!

אָ, ווי איך בין דיך מקנא!
ניט נאָר ווייל דו ביזט פון אלע ליידען פריי,
און דו האָסט ניט דאָס געפיהל
פון אונרוה, זאָרג, פאַרדרוס און מיה,
און פרעמד איז דיר דער שווערער אַרבייטס-וועג.
און אפילו דאָס גרעסטע שרעק פאַרגעסטו באַלד, ווי
דאָס פּאַסירט. רוהיג ליגסטו זיך געדאַנקענלאָז
אויסגעצויגען אויפ׳ן גראָז,
אין קיהלען שאָטען — גליקליך און אין פריעד...
אזוי געהט פאַרביי יאָהר נאָך יאָהר און די צייט
ווי שנעל זי פליהט און פליהט, —
דאָך שטערט עס ניט דיין רוהיגקייט. . .
אָבער ווען איך זעץ זיך אויפ׳ן גראָז אוועק,
אין קיהלען שאטען, פיהל איך ווי עס ווערט מיר שווער,
און זיפצענדיג ווערט אלץ מעהר און מעהר
מיין קאָפּ מיט דאגות אָנגעפילט.
איך זעה מיין סוף, מיין פינסטערען עק...
דאָס רויבט פון מיר מיין רוה, מיין פרייד.
איך פאַרלאַנג דאָך ניט פון לעבען פיעל,
זאָל עס געהן זיך ווי עס געהט...
איך ווייס ניט פאַרוואָס איך דאַרף טרויעריג זיין?
איך קען ניט וויסען ווי גליקליך דו ביזט,
דאך ביזטו צופריעדענער פון מיר.
ווייל מיינע פריידען זיינען זעהר קליין,
אָבער ניט דאָס איז מיין טענה, אָ, ניין...
ווען דו וואָלסט ענטפערען מיך געקאָנט,
וואָלט איך דיר די פראגע געשטעלט:
„זאָג מיר, סטאָדע מיינע, ווארום
יעדע חיה, וואָס לעבט נאָר אויף דער וועלט,
יעדע באַשעפענים וואָס קריכט אויף דער ערד אַרום,
אלע, אלע האָבען זייער רוה און פריעד, —
נאָר איך, דער מענטש — קיינמאָל ניט?“. . .

אָ, ווען איך וואָלט פֿליגעל געהאַט,
איבער די וואָלקענס פֿליהען הויך,
און איינציגווייז די שטערען איבערצעהלען;
אָדער שאַרף און שנעל ווי אַ בליץ
דורכשניידען פֿון איינס צום צווייטען פֿעלזען־שפּיץ.
אפשר, דאַן וואָלט איך אויך
געווען גליקליכער, סטאַדע מיין...
און דו, בלאַסע לבֿנה, מיט דיין בלייכען שיין
וואָלסט אויך גליקליכער געווען!
אפשר בלאַנדזשען מיינע געדאַנקען אַוועק
פֿון אמת, ווען איך פֿרעג
און פֿאַרש דאָס לעבען פֿון יעדען איינעם אַרום מיר?
אָ, ווער קאָן דען דערגעהן דעם סוד
פֿון מענטש און טהיער?
די געטליכקייט פֿון דעם אונענדליכען וועלט־אַל?
אפשר איז דאָס לעבען פֿון יעדער באַשעפֿענים אויף דער ערד
אונטערגעוואָרפֿען אונטער דעם זעלביגען שיקזאַל?...